קרית ברסלב בלעטל
שנה ה' נומער 242 פרשת וירא · תשפ"ה



**היכל הלכה:**
דארפן אלע צינדן ליכט ערב ראש השנה אין אומאן?



**קוק אהער:**
ווער האט טאקע געוואונען?



**דער ראש ישיבה ענטפערט:**
העלפן אין שטוב, אדער לויפן צו אן הצלה רוף?

# ויאמר הנני!

די איינגעקריצטע פעלזן פעסטע אמונה פון
**הבחור יעקב פאטאש ז"ל**

36




8

## וואל אויסגאנג

10

## פארלוירענע טעלעפאון





31

## גיימיר אויף אפרוה


| | |
|---|---|
| 4 | בריוו צום רעדאקציע |
| 8 | וועלטליכע נייעס |
| 12 | געדאנקען |
| 18 | היכל הלכה |



**קרית ברסלב בלעטל**

פרשת וירא תשפ"ה • 242

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן

**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
ש. ל. פליישמאן
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג
ל. סאקס

**מגיה**
אברהם יצחק אייזנער

**ניקוד**
יודא לייב ווייס

**גראפיקס**
ישראל העסקעל
בערל שניטצלער

**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער

**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרול



צו אדווערטייזן אדער ארייגשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:

אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org

אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com

ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069


## זמנים

פרשת וירא ט"ו חשון

הדלקת הנרות .. 04:19
מוצאי שבת ...... 05:49

**מנחה מעריב**
פרשת חיי שרה
05:30









הֵיטִיבָה ה׳ לַטּוֹבִים
וְלִישָׁרִים בְּלִבּוֹתָם

יעמוד
על הברכה
ידידינו הנכבד
פארן מנדב זיין

די רענט פון

# חודש חשון

| | | |
|---|---|---|
| מו״ה<br>מנחם<br>שטיינבערג<br>הי״ו | מו״ה<br>יצחק אייזיק<br>ראטה<br>הי״ו | מו״ה<br>הרוצה<br>בעילום שמו<br>הי״ו |

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבין'ס
מוסדות זאל אייך ביישטיין צו האבן בני
ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן,
מיט פול סייעתא דשמיא.

מוסדות
היכל הקודש
ברסלב באר״ה ב

רענט
קאמפיין

# בריוו צו די רעדאקציע

## באדאנקט זיך פאר די עוסקים במלאכת הקודש אין אומאן.

מ'האלט שוין א גוטע פאר וואכן נאך ראש השנה, אבער ס'קיינמאל נישט צו שפעט צו אויסדרוקן הכרת הטוב וואס מ'האט פאר א צווייטן.

איך וויל ניצן ענקער פלאטפארמע זיך צו באדאנקען פאר די אלע טייערע עסקנים פון די בנין היכל הקודש אין אומאן. זייענדיג שוין די לעצטע פאר יאר אין אומאן איז אבער דאס יאר געווען מיין ערשטע מאל אין די בנין היכל הקודש, און איך קען זאגן אז אזאנס האב איך נאכנישט געהאט.

קודם כל די אחדות און ליבשאפט וואס מען זעט דא איז עפעס נישט צום באשרייבן, מ'זעט וואס מוהרא"ש זי"ע האט אזוי געהאפט און געבעטן אז "אנן בחביבותא תליא מילתא" אונזער זאך איז ווען עס איז דא ליבשאפט, די שיחות חברים, און חיזוק וואס יעדער נעמט מיט פאר די גאנצע יאר, פאר די גאנצע משפחה. עשרה קבין ליבשאפט ירדו לעולם תשעה נטלו תלמידי היכל הקודש (און ווי לויטעט די ווערטל... די צענטע האבן זיי צוגעגנב'עט).

די תפילות און זמירות איז געווען אזוי שיין, די סעודות, די דרשות איז געווען ממש א גן עדן.

ווי איך איז געווען ממש צום באוואונדערן די סדר וואס מען האט אוועקגעשטעלט פאר די קינדער, מען זעט אז אין היכל הקודש באגענוגט מען זיך נישט אז איך האב געטראפן א צדיק וואס ווייזט מיר די וועג צו א זיסן לעבן, מ'וויל דאס איבערגעבן פאר די קינדער, און אלעס דרייט זיך ארום דעם.

איך האב געטראפן נעבן ציון צוויי חברים וואס באלאנגען צו א געוויסע חבורה אין ברסלב, און זיי זאגן מיר אז זיי זענען אזוי מקנא די ענין וואס מ'לייגט אריין אזויפיל אין היכל הקודש אין די קינדער, אלעס לויפט ארום דעם, אז די קומענדיגע דורות זאלן אויסוואקסן מיט'ן רבינ'ס עצות.

איך וויל געבן א מורא'דיגע דאנק פאר דעם ראש ישיבה שליט"א און אלע עוסקים במלאכת הקודש, וואס האבן געהאלפן פאר די געוואלדיגער הצלחה פאר דעם רבין'ס קיבוץ, דער אייבערשטער זאל זיי בענטשן מיט אלעם גוטן און א זיסן יאר!

י.נ.ג.


דער דאקטער וואס לאזט אייך בלייבן אויפן קאוטש.

איר דארפט נישט גיין, זיך שלעפן, ווארטן און זיך רעגן... נישטא קיין סיבה.
אונז מאכן זיכער אז איר בלייבט באקוועם אינדערהיים. מיר קומען אראפ צו אייך.
Flu? Culture? Covid-test?
אלעס אומזיסט.

Medease
CARE AT HOME

718.208.2030
Sunday 12-8 | Mon-thursday. 3-10

די דאקטערס אפיס ביי דיר אינדערהיים



# הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, אָדֶער לוֹיפְן צוּ אַן הַצָּלָה רוּף?



## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט כְּסֵדֶר אַז מֶען זָאל עֶנְדֶערְשׁ זַיין אִינְדֶערְהֵיים א וּן הֶעלְפְן דִי וַוייבּ, וִוי אֵיידֶער אַרוֹיסְצוּגֵיין הֶעלְפְן חֲבֵרִים, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אִין זְכוּת פוּן הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אַ שְׁטֵייגֶער וִוי דִי אָרְגַאנִיזַאצְיֶעס "הַצָּלָה", "שׁוֹמְרִים", "חֲבֵרִים", אוּן דָאס גְלַייכְן.**

**אִיךְ בִּין אַן הַצָּלָה מַאן, אוּן אִיךְ דַארְף אַסַאךְ מָאל אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ צוּ גֵיין הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶועןאִידְן, וִוי אַזוֹי וֵוייס אִיךְ וֶוען אִיךְ דַארְף יָא גֵיין, אוּן וֶוען אִיךְ דַארְף עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים?**

**יְיַשֶׁר כֹּחַ.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ב חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק מִיט דֶעם וָואס דוּ רַאטֶעוֶועסְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דוּ בִּיסְט אַן הַצָּלָה מַאן אוּן דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אַוֶועק צוּ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְפְּסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען דַארְף אוֹיךְ הֶעלְפְן דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק לוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ וֶוען דִי וַוייבּ אִיז אָנְגֶעוִוזְן אוֹיפְ'ן מַאן מִיטְ'ן אוֹיסְרֵייד: "הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע". אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט פוּן גֵיין הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע הָאט מֶען דִי מִצְוָה פוּן הֶעלְפְן דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט וִויסְן וֶוען יָא צוּ גֵיין אוּן וֶוען נִישְׁט צוּ גֵיין; וֶוען מֶען רוּפְט דִיר צוּ רַאטֶעוֶוען אַ צְוֵוייטְן, וִוי לְמָשָׁל אֵיינֶער הָאט גֶע'חַלֶשְׁ'ט, אֵיינֶער אָטֶעמְט נִישְׁט - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען לוֹיפְן וָואס שְׁנֶעלֶער אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְזוֹימֶען קַיין רֶגַע, אָבֶּער וֶוען מֶען רוּפְט דִיר אַז אֵיינֶער הָאט זִיךְ צֶעשְׁנִיטְן, צֶעבְּרָאכְן אַ בֵּיין וְכוּ', וְכוּ', דֶעמָאלְט וֶוענְדְט זִיךְ דִי מַצָּב אִין שְׁטוּבּ; אוֹיבּ דַיין וַוייבּ אִיז אָנְגֶעוִוזְן אוֹיף דִיר דַארְפְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אוּן לָאזְן דִי מִצְוָה פַאר אַ צְוֵוייטְן.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; שְׁמוּעֶס אַסַאךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, סַיי דִי גוּטֶע זַאכְן אוּן סַיי דִי שְׁוֶוערִיקֵייטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד וֶוערְט אִים זַיין מֹחַ קְלָאר, עֶר וֵוייסְט וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן בַּיי יֶעדֶע פַאל.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# צום פינטל



## זיך בויען אויף יענעם!

מיין טייערער חבר, מיין ליבער חבר, דו קומסט צו מיר אלעמאל מיט טענות: "פארוואס דארף מען זיך בויען אויף יענעם? אויב מען האקט קעגן א צווייטן איז דאך א סימן אז מען האט נישט וואס אליין צו פארקויפן". איך וויל מיט דיר האבן אן אפענעם שמועס, דו ביסט ביי מיר זייער חשוב, זייער טייער, און גלייב מיר איך וואלט דיר זייער געוואלט געבן די כבוד און זיך בויען אויף דיר.

כ'מיין עס אמת'דיג דאס מאל... ווייל ווי דו ווייסט האב איך נישט קיין אייגענע זאכן וואס צו פארקויפן, אויב רעדסטו פון רעדן אפן, וויל איך טאקע ארויסלייגן אלע קארטן אפן, און דו וועסט אליין זען אז איך האב נישט וואס צו פארקויפן.

באמת... וואס פארקויף איך שוין? זאגן משניות... כככ...

זאגן גמרא? כככ...

רעדן שיין צו די ווייב? ווייב ווייב ווייב שלום בית?

לייגן תפלין? היטן שבת? זיך פרייען מיט ציצית? פרייען מיט בארד און פיאות?

איך האב באמת נישט וואס צו פארקויפן... און... גלייב מיר איך וואלט מיך באמת געזוכט צו בויען אויף יענעם, און ווען איך טראכט אריין... זאג, נאנטער חבר... איך וואלט דיך גענומען אויף וועמען זיך צו בויען, ווען איך טראכט אריין... דו ביסט דער ערשטער אין ליסטע וואס איך וואלט מיך זייער געוואלט אויף דיר בויען.

אבער... וואס זאל איך טון אז דו שטייסט אויף אזעלכע שוואכע יסודות, ממש אויף הינערנע פיס, עס טוט מיר לייד, קוים וואס דו שטייסט אויף אייגענע פיס, ווי קען איך נאך ארויפבויען אויף דיר?

איך קוק ווי דו קוקסט וואס דערוילעם טוט... און דערוילעם קוקט וואס דו טוסט, נו ווי הייבט זיך עס אן? ווי איז דער יסוד? דער אדער דו, דו אדער ער?

**זיי נישט אויף מיר בייז, אבער אויף אזעלכע שוואכע יסודות קען איך מיך נישט בויען.**

הערסטע... איך וויל מיך בויען אויף יענעם, אבער איך זיך איינער וואס האט שטארקע יסודות, אזוי קען איך מיך אויף יענעם בויען.

אבער איך זע למשל דו עפענסט נישט קיין ספר, דו לערנסט נישט ווי גרויס די יאר איז. נו וואסערע שטארקע יסודות קען דאס שוין זיין, ווי קען איך מיך בויען אויף איינעם וואס עפנט נישט קיין אידיש ספר? למען האמת... ס'נאר א גוזמא... ווייל עפענען עפנסטו א ספר, אבער ווי איז מעגליך אז דו נעמסט צאם די גאנצע יאר און... טראכט אליין... וואס האב איך דאס יאר געלערנט?

גלייב מיר, איך וואלט מיך געבויעט אויף דיר, אבער איך בין געווען ביי דיינע שמחות, און איך האב געזען אז דו ביסט אזוי פיקקל מיינדעד.

דו מאכסט חתונה פאר יענעם, וואסערע יסודות איז דאס לעבן פאר יענעם? מילא דו, שוין... אבער איך זאל מיך בויען אויף דיר? נא! צו שוואך! צו שוואך!

איך וואלט מיך געבויעט אויף דיר, אבער איך בין געווען מיט דיר אין געשעפט, ווען דו האסט געקויפט מתנות פאר די קינדער, איך האב געזען ווי 'זיי' זענען גאר בעל הבית אויף דיר, זיי טיילן דיר איין פונקטליך וואס צו טון. נו ווי קען איך מיך בויען אויף א שטוב אן יסודות?

אה! אוודאי דאס איז דאך זיי שוין געקומען, ווייל דו האסט נערוועזערהייט געפראסקעט א טאג בעפאר, מילא האסטו געברויכט פארגיטיגן מיט טייערע שפילצייגן, א רעמאוט העליקאפטער, שומרים, פאליס, נו אז דו קענסט זיך נישט קיין עצה געבן, ציטער איך, אויב איך וועל זיך אויף דיר בויען וועל איך אזוי טראסקענער, ווען דו וועסטיך צושפילן. מיט א הענגער שלאגסטו? זיי נישט ברוגז, אבער אויב אויף איינעם זיך בויען... איך קען מיך אויף אזא שוואכלינג נישט בויען

איך וואלט מיך געבויעט אויף דיר, אבער דו ביסט דאך אזוי נישט סטאביל, דו מאכסט איבער דיין קאך פאר דיין שוועגערין, און דיין שוועגערין גייט מיט די נייעסטע סטייל פאר דיר, און איך זאל מיך בויען אויף דיר? באמת, איך מיין חס ושלום זיך נישט צו בויען אויף דיר... איך וויל נאר וויסן אויף דאס וואס דו האלסט מיך פאר אז איך בוי מיך אויף יענעם, ווי קען איך מיך אויף דיר בויען?

איך וואלט מיך געבויעט אויף דיר, אבער איך האב געזען ווי דו לויפסט יעדע וואך צו א צווייטע פלאץ, יעדע שבת ווען דו קענסט ביסטו נישט אינדערהיים, אוודאי איז נישט דא קיין חינוך, און די געציילטע שבתים וואס דו ביסט יא געווען אינדערהיים, זע איך אז דו האסט נישט קיין אנונג וואס מען מעג זאגן פאר קינדער און וואס נישט.

אדער זיצן זיי אויסגעשטערקט אויפן קאוטש מיט א בארג ליין מאטריאל, אזש נאר די נעזער שטעקן זיך ארויס פון די פילע קאמיקס מאגאזינען. אדער מוזטו זיך אנטרינקען ביים חבר'ס קידוש כדי די פראסקעס זאלן זיין ברחמים.

אדער ביסטו ווי יצחק און רבקה, זי איז בזוית זו און דו ביזט בזוית זו און די שלום בית בָּאמט, איך מיין אויף דיר קען איך מיך נישט בויען...

איך האב געמיינט אז איך וועל מיך כאשט בויען אויף דיינע קינדער, אבער זיי זענען דאך נעבעך נישט מחונך, זיי טוען וואס זיי ווילן, זיי

האבן נאך קיינמאל נישט געהערט אז מען דארף רעספעקטן א מענטש, א טאטע, א רבי, א מלמד.

איך האב געזען די פענסי שבת שבע ברכות וואס יעעעעעעעעדער איז דארט געווען - מען האט צאמגעהאלטן די משפחה.

איך האב געזען דיינע קרעדט קארד בילס פון דיין ערשטע חתונה.

איך האב געזען ווי די ישיבה ווי דיין זון לערנט זעט אויס, מען לערנט נישט קיין מילה אחת.

איך וואלט מיך געבויעט אויף דיר, ווייל איך האב דאך ממש נישט וואס צו פארקויפן

חוץ רעדן פון לייגן תפילין... און ווער לייגט נישט קיין תפילין?

רעדן פון היטן שבת... ווער היט נישט שבת?

עסן כשר'ס... ווער עסט דען נישט כשר?

רעדן צום אייבערשטן, ווער רעדט נישט צום אייבערשטן?

זיך פרייען מיט מצוות... ה-י-י-י-י בעיביאישע זאכן...

מאכן ביליג שמחות, נאנסענס...

מאכן יונג שידוכים, קולט... טשיילד עביוז...

רעדן שיין צו די ווייב, קארני!

נו! איך בין אין א דילעמע, ווייל חוץ פון די אויבענדערמאנטע זאכן, האב איך נישט וואס צו פארקויפן, וואלט איך מיך טאקע געברויכט בויען אויף איינעם, אבער זיי נישט ברוגז... אויף דיר טייערע חבר קען איך מיך נישט בויען!

## איך קוק ווי דו

## קוקסט וואס

## דערווילעם טוט... און

## דערויילעם קוקט וואס

## דו טוסט, נו ווי הייבט

## זיך עס אן? ווי איז

## דער יסוד? דער אדער

## דו, דו אדער ער?

## זיי נישט אויף מיר

## בייז, אבער אויף

## אזעלכע שוואכע

## יסודות קען איך מיך

## נישט בויען

גרשון קרעמער



# היסטארישע וואל אויסגאנג אין אמעריקע

נאָך די גאנצער איבערקערעניש, איז ארויסגעשטעלט געוואָרן די אומגלויבליכע רעזולטאטן: פרעזידענט טראמפ האָט געווינען גענוג עלעקטאָראַלע שטימען, וואָס געבן אים די מעגליכקייט צוריקצוקומען קיין וואשינגטאן די.סי. און נעמען די קאָפּ וויי פון דינען אלס פרעזידענט פון אמעריקע. אבער נאָך מער שטוינענד איז געווען, אַז ער האָט אויך געווינען מער פאפולערע שטימען ווי די דעמאָקראַט. אַלע וואונדערן זיך אויף די שטוינענדע רעזולטאטן און שפעקולירן מיט אלע סארטן סברות וואס איז אנדערש געגאנגען ווי געפלאנט.

וויפיל מאָל מען האָט שוין געזאגט הספדים אויף טראמפ, איז שווער צו ציילן. מען האט אים ניטאמאל געלאזט אטעמען צווישן איין אטאקע און די נעקסטע. נאך איידער זיין פאליטישע קאריערע איז געבוירן געווארן, האָט מען שוין געמאכט "סתימת הגולל" אויף אים. "א ביזנעסמאן אָן קיין פאליטישע ערפארונג וויל לויפן פאר פרעזידענט?" זענען געווען די קאמענטארן. "דער רעפובליקאנער קלאון" האָט מען אים גערופן דעמאלטס. אבער קעגן יעדע סברא האָט ער דעמאלט ארויסגעשטויסן אַלע ערפארענע רעפובליקאנער פאליטיקאנטן, און באקומען די רעפובליקאנער נאמינאציע. "טראמפ קעגן קלינטאן איז א שאד אפילו צו פּרובירן," האָט מען ווידער מספיד געווען, אָבער ער האָט דעמאלט געווינען זיין ערשטע טערמין אלס 45'סטער פרעזידענט פון אמעריקע.

דאן האט זיך אנגעהויבן א סעריע פון פּרעצעדענטלאזע קלאגעס, קאנספיראציעס, אויספארשונגען קעגן אים. די עף.בי. איי. האט אים געפארשט צי ער ארבעט נישט מיט די רוסן, דערנאך איז געקומען צוויי אימפיטשמענטס, ער האט פארלוירן (?) זיין ווידערערוויילונג, און דערנאך האט זיך אנגעהויבן זיינע צרות פון "יאנואר 6" ווען מען האט אים באשולדיגט אין מאכן א באוואפנטע אויפשטאנד קעגן די רעגירונג. און אפילו נאכן אראפגיין פון בענקל האבן זיך זיינע צרות נישט אפגעשטעלט. ער איז געווארן ממש ווי א מצורע ביי די סאציאלע מידיע, ווען ער איז געווארן אראפ געווארפן פון אלע פלאטפארמעס, אלעס אין א פרואוו צו פארמאכן זיין מויל איין מאל פאר אלעמאל. ער איז נאך דורכגעגאנגען צוויי אטענטאט פרואוון אים אומצוברענגען, אפילו דער פרעצעדענטלאזע אקט פון טוישן דעם אפאנענט אינמיטן א פארמעסט האט מען אויך געטון, א זאך וואס האט אויסגעזען וועט אים באזיגן, אבער דער האט נישט אויפגעגעבן, "איך לויף און איך גיי געווינען".

מיינסט אז איך רעד פון טראמפ? ניין, בכלל נישט, איך רעד פון דיר. אינדרויסן זעט אלעס אויס פיין, דו גייסט מיט א שיינעם אנצוג, דו קויפסט זיך א גרויסע קאווע, בשעת דיין שאל איז געווארפן אויף צוריק, יעדער מיינט אז עס גייט דיר גוט, אבער דו ווייסט ביי דיר וויפיל חיצים ובליסטראות זענען שוין דורך אויף דיר. נאך איידער דו האסט געהאט א שאנס ארויסצוזאגן דאסווארט "מאמי" אלס פיצל קינד, ביסטו שוין געווען אפגעסטעמפלט אלס א דורכפאל, יעדע רבי האט בלויז געשאקלט מיט'ן קאפ אין דיין ריכטונג, ווי צו זאגן אז דער קינד דארף פשוט דורכשטופן די פאר יאר. וויפיל מאל ביסטו געווען צו שאנד און צו שפאט און דו האסט געשפירט אז דו וועסט קיינמאל מצליח זיין? ווער רעדט נאך אין די בחור'ישע יארן, וויפיל טרערן האסטו פארגאסן אויף דיינע פילע דורכפעלער, דו האסט נאר געוואלט חתונה האבן.

אזוי קענסטו דורכגיין דיין לעבן ביז היינט און זיך מספיד זיין וואספארא רחמנות דו ביסט, און ווי שטארק דו ביסט דערנאך. אבער ניין, דער אייבערשטער האט דיר געגעבן כחות, דו קענסט שיינען און לייכטן, דו ביסט א מוצלח וואס אזוינס איז נאך נישט געווען, בעט דעם אייבערשטן זאלסט אנהייבן גלייבן אין דיר, וועסטו זען אז נישט קיין חילוק וואס דו ביסט אלס דורך, נישט קיין חילוק וואס אלע האבן געזאגט אויף דיר, היינט הייבט זיך אן דיין הצלחה בסייעתא דשמיא. דו וועסט צוריק באקומען דיין טראן, דו וועסט בעזרת השם קענען פירן דיין לעבן אויפן ערליכן ערליכן וועג. נאר געב נישט אויף.






# די עלעקטראלע סיסטעם פון די פרעזידענטליכע וואלן אין אמעריקע

דער ערשטער דינסטאג פון נאוועמבער איז באשטימט אין אמעריקע פאר די "דזשענעראל עלעקשאנס", אין דעם טאג - יעדע פיר יאר, קומען פאר די וואלן ווי מען געבט די איסוואל צווישן אנדערע צו קלויבן וועם מען וויל פאר פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטן.

ערליכע אידן נעמען אויך צומאל אנטייל אין די וואלן, אבער מיט א גראדן קאפ. מען ווייסט אז נאך דער אייבערשטער פירט אלעס, אריינגערעכנט אמעריקע.

אין געווענליכע וואלן גייט עס אז ווער עס באקומט דער רוב, דער געווינט, ביי אונזער פאל גייט עס צוליב פארשידענע סיבות אנדערש. עס זענען פאראן 539 "עלעקטאראלן" (וואס מיינט וואל פונקטן), יעדע שטאַט (סטעיט) באקומט עלעקטאראס לויט זייער פאפולאציע (וויפיל מענטשן עס וואוינען דארט).

די גרויסע סטעיטס טראגן א גרעסערע געוויכט, ווייל זיי פארטרעטן מער מענטשן, און די קלענערע - ווייניגער. למשל קאליפארניע - די גרעסטע סטעיט - פארמאגט 54 עלעקטארלן, בשעת נארט דאקאטע, ווערמאנט, און דאלווער - די קלענסטע סטעיטס פארמאגן יעדע איינע נאך 3 עלעקטאראלן.

יעדע שטאַט וועלט אויס וועם זיי ווילן פאר פרעזידענט, און אויב זיי וועלן פאר איינעם, באקומט יענער "אלע" עלעקטאראלן פון יענע שטאַט. אזוי ארום קען אויסקומען (און האט שוין עטליכע מאל פאסירט) אז איין קאנדידאט באקומט רוב שטימען (דאס הייסט ער האט געווינען די פאפולערע שטימען) אבער דער צווייטער ווערט פרעזידענט, דורכן אנציען גענוג עלעקטאראלן.

מאנכע וועלן זיך וואונדערן צי דאס איז יושר. איך ווייס נישט, אבער וויבאלד אלע צדדים ווייסן פון אנפאנג אז דאס זענען די רולס פונעם שפיל, צילן זיי בכלל נישט צו געווינען רוב שטימען פון אמעריקע, זיי צילן נאר צו כאפן אביסעלע מער פון רוב פון וואס מער שטאַטן, ווייל דאס איז וואס עס ווערט גערעכנט.

מיר דארפן האלטן קאפ וואס מאכט א חילוק ביי די ענד אף די דעי, און וואס איז סתם שיינע ציפערן. שלום בית, משניות, רעדן צום אייבערשטן, מעביר סדרה זיין - דאס ברענגט מיר צו זיין א געווינער - אזוי זאגן די צדיקים, בשעת שיינע בילדער אין די מאגאזינען ברענגען מיר גארנישט.

ביי די יעצטיגע וואלן האט זיך אויסגעשטעלט אז טראמפ האט באקומען 312 עלעקטאראלן אנטקעגן איר וואס האט נאר אנגעצויגן 226 עלעקטאראלן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן אין א בריוו: "ווען דו גייסט שטימען זאלסטו דאס מאכן נאך לפנים, פארגעס נישט פאר איין סעקונדע ווער דער פירער איז, ווער עס מאכט די פרייזן, די שטייער וכו' וכו' אלעס איז דער אייבערשטער אליין."

דער ראש ישיבה שליט"א בעט ווייטער אינעם בריוו מען זאל אויסנוצן די לאנגע גאלדענע ווינטער נעכט צו דינען דעם אייבערשטן, און נישט האלטן אין שטוב קיין קאמפיוטער סמטארפאון, אדער טעבלעט, נישט קוקן קיין מאוויס וואס פארברענט די נשמה.

**כי לד' המלוכה**



# מעשיות פון תפילה

## שלום אלי' אינדיג

מאנטריאל

איך בין געווען אויף די וועגן אין ברוקלין. ביים וואשינגטאן בריק אריין צום פאליסיידס איז געווען א סטאפ סיין, וואס איך האב נישט געוויסט אז דארט איז דא א סטאפ סיין ווייל איך וואוין נישט דא. גלייך האט מיר א פאליס אפגעשטעלט.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר נישט געבן קיין טיקעט. ער קומט צו די קאר און זאגט מיר אזוי שטרענג היתכן איך האב נישט געסטאפט ביי די סטאפ סיין, איך האב מיר פרובירט צו פארענטפערן, אבער ס'האט נישט אויסגעזען אז ער נעמט אן מיין תירוץ וואס איך האב אים געגעבן.

איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל מיר נישט געבן קיין טיקעט. נאך אפאר מינוט קומט ער צוריק צו מיר און זאגט מיר "דא האסטו א ווארענונגס צעטל, קומענדיגע מאל זאלסטו זיין מער פארזיכטיג וויאזוי די דרייווסט"... שכח אייבערשטער.

## יודל ווייל

וויליאמסבורג

פארגאנגענעם חול המועד סוכות בין איך געגאנגען מיט די משפחה אין פארק. דארט איז געווען אזא גרויסע פלאץ פון באליס צו טאנצן דעריין. מיין ווייב איז געווען דארט דערנעבן צו זיך אפגעבן מיט די קינדער, אינמיטן שטיין דארט איז איר טעלעפאן אריינגעפאלן אין די באליס. איך בין דעמאלט נישט דארט געווען, איך בין געגאנגען דאווענען.

נאכן דאווענען בין איך צוריקגעקומען צו די פארק, און מיין ווייב פארציילט מיר וואס דא האט פאסירט, זי האט פרובירט צו

אנהייבן זוכן אבער נישט אנגעקומען אין ערגעץ, גיי זוך צווישן אזוי סאך באליס.

איך האב אפגעמאכט אז איך גיי בעטן דעם אייבערשטן און איך גיי עס טרעפן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן און אזוי אנגעהויבן זוכן, אויך האב איך צוגעזאגט א מעשה פון תפילה. איך האב ארומשפאצירט אין די באליס אפאר מינוט, און ברוך השם אינמיטן שפאצירן האב איך דאס געטראפן.

שכח אייבערשטער איך האב מיך געטראפן אינדערפרי נאך א גוטן שלאף.

3. איך פלעג אלץ קוקן די מענטשן וואס טרעפן גלייך זייער רענצל, און איך האב דאס נישט, דאסמאל האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל אויך האב די הנאה צו גלייך טרעפן דעם רענצל און גיין, שכח אייבערשטער אז מיין רענצל איז אנגעקומען גלייך ווען איך האב מיך געשטעלט ביים בעלט.

## בערל שניצלער

קרית ברסלב

1. פאר א לאנגע צייט איז מיין רעכטע אויער געווען זייער פארשטאפט, נאכן האבן א אינפעקשאן צוויי יאר צוריק, נאכדערצו ווען איך בין געליגן אויף די רעכטע זייט און אויך ווען מען גייט אריין אין וואסער. איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אוועקגיין די פראבלעם פון מיר.

איך בין געגאנגען צום דאקטער, ער האט מיר געגעבן געוויסע קריעמס אבער ס'האט נישט געהאלפן קיין סאך.

פאר ראש השנה האב איך באקומען אן אינפעקשן און עס האט אנגעהויבן צו ווערן ערגער פון וואס ס'איז געווען ביז יעצט. דא האב איך שוין געזען אז איך מוז עפעס טון דראסטיש, איך האב פון פריש אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם. אויך בין איך געגאנגען צו א גרויסן דאקטער וואס איז אויסגעקאכט אין די זאכן. נאכן זיין ביי אים אפאר מינוט און אים מסביר זיין מיין פראבלעם האט ער מיר געזאגט ער ווייסט וואס דאס איז, און ער האט מיר אויפגעשטאפט דעם אויער ווי גארנישט וואלט געווען, איך האב ממש צוריק באקומען מיין געהעריג הער קראפט וואס איך האב נישט געהאט פאר צוויי יאר.

2. ביים אנקומען אויסגעמוטשערהייט אין אומאן נאך א לאנגע נסיעה, האב איך מיך געלייגט אין בעט שלאפן, אבער איך האב נישט געקענט איינשלאפן, אפילו נאכן זיין גאר שטארק אויסגעמוטשעט און מיד, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען איינשלאפן און זיך קענען אויסרוען פאר יום טוב.

## שלום שניצלער

קרית ברסלב

איין נאכט האט מיין בויך זייער שטארק ווי געטון, איך האב נישט געקענט שלאפן, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז די בויך ווי זאל אוועקגיין.

שכח אייבערשטער ס'איז אוועקגעגאנגען פון ווי ס'איז געקומען.

## חבורת היכל הקודש

בראכפעלד

מיר האבן ברוך השם א שיינע חבורה אינגעלייט תלמידי היכל הקודש, וואס קומען זיך צאם יעדן שבת צו דאווענען און זיך מחזק זיין צוזאמען מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן.

ווען ס'איז געקומען נענטער צו יום כיפור האט אויסגעזען אז ס'וועט נישט זיין קיין מנין אינגעלייט וואס וועלן זיין דא אויף יום כיפור.

אבער איך האב זייער שטארק געוואלט דאווענען אין היכל הקודש יום כיפורן, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל יא זיין א שיינער מנין.

# געדאנקען

# אויף מיר אויטענטיש

## יום ה'

דאנערשטאג פרשת וזאת הברכה א', שלש עשרה מדות, ביים דאנערשטאג נאכט שיעור, האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט גאר א טיפע געדאנק:

״מ'זאגט יום כיפור ״מלך מוחל וסולח לעוונותינו ולעוונות עמו בית ישראל ומעביר אשמותינו בכל שנה ושנה". פארוואס דארף שטיין ״ומעביר אשמותינו בכל שנה ושנה"? ער האט דאך שוין געזאגט אז דער אייבערשטער איז מוחל די עבירות?! וואס וויל ער דרוקן מיט דעם?"

האט דער ראש ישיבה מסביר געווען: ״תשובה איז נישט סתם אנדערש ווי דער מענטשליכער שכל טראכט, תשובה איז אינגאנצן פארקערט ווי דער מענשטליכער שכל! (אזוי ווי מ'זאגט "360", פונקט פארקערט). דער מענטשליכע שכל וואלט דיקטירט אז מ'זאל נישט אויסזאגן יעצט פאר'ן עולם אז מ'גייט קומענדיגע יאר אויך מוחל זיין די עבירות, ווייל אפשר וועט מען נעמען עדוועטנטעדזש... אבער דער אייבערשטער זאגט אנדערש! איך זאג ענק יעצט שוין אויף אלע קומענדיגע יארן אז ״ומעביר אשמותינו 'בכל שנה ושנה'!" דער אייבערשטער זאגט אז א מענטש איז נישט קיין מלאך, דער יצר הרע איז זייער גרויס, א מענטש פאלט, אבער געב נישט אויף, ווייל דער אייבערשטער שטייט דיר צו די האנט, דער אייבערשטער רופט זיך מעביר אשמותינו ״בכל שנה ושנה". ווייל תשובה איז נישט עפעס א back door gimmick וואס די ברסלב'ע חברה האבן ערפינדן. תשובה איז איינס פון די תרי"ג מצוות וואס דער אייבערשטער האט געגעבן אויפ'ן בארג סיני, און יעדער וואס זאגט ״באשעפער איך וויל זיין גוט", נעמט אים דער אייבערשטער אן מיט אפענע ארעמס.

יום הקדוש נאך מוסף האבן מיר געהאט א סורפרייז! גלייך ביים ענדיגן קדיש תתקבל פון תפלת מוסף, איז געווען א גרויסע חיזוק ווען דער ראש ישיבה האט אויסגעטרעטן נאכ'ן דאווענען מוסף ביים עמוד, און תיכף בנשימה אחת זיך גענומען פארלערנען פאר'ן עולם דעם טעגליכן שיעור גמרא, ס'איז געווען א lesson in life ווי וויכטיג די שיעור גמרא איז! יא! ס'איז דא א פלאץ אין די וועלט וואו מ'לערנט תורה יעדן טאג פון יאר! אויך ראש השנה, יום כיפור און סוכות! קען זיין ס'איז טאקע שרעקליך, ביטערליך, געפערליך אז מ'לערנט אן א חברותא, און אן פארשטיין, און אן א קובץ, און אן א לעד פענסל צו שרייבן די טיפזיניגע חידושים אויף די דריי בלאט א יאר, און אן הבטלה מביאה לידי שיעמום, אבער ס'איז סאך מער שרעקליך צו גיין איין טאג אן תורה.

במשך דעם יום טוב סוכות איז געווען גאר שיינע הערליכע שמועסן, מיט אסאך יסודות'דיגע ענינים וואס מ'קען גוט נוצן ניצול צו ווערן פון מענטשן וואס זייער אידישקייט איז נעבעך אזוי ווי באצווינגען, א אויסגעלאשענע בלית-ברירה'דיגע אידישקייט, אזוי ווי איינער וואס זאגט "א שאד איך בין געבוירן ביי א חסידישע משפחה, אוי ווען איך וואלט געבוירן ביי די קמץ בערדלער און צֵירֵי יארמולקעס וואלט איך אזוי אינדזשויט לייף..."



דער ראש ישיבה שליטא לערנט פאר דעם דף גמרא אין קרית ברסלב ליבערטי - דינסטאג לך לך תש"פ

ס'איז געווען איין נאכמיטאג, כ'מיין ס'איז געווען דעם ערשטן טאג יום טוב, בין איך געזיצן אין שול און געזאגט תיקוני זוהר (יענער נעימות'דיגער דעה-זאגער מיט די זיסע חן'עוודיגע שמייכל וואס האקט אויף זאגן משניות ווייל נאר זוהר זאגט מען, האט נאך קיין איינמאל נישט דורכגעזאגט דעם תיקוני זוהר, ווייל ער קען אין די צייט ראטעווען א בחור פון די ״קולט" פון דורכזאגן ששה סדרי משנה יעדן חודש), דער

**משה אריה שניצלער**

ראש ישיבה איז אדורכגעגאנגען און ער געבט א בליק אין מיין זוהר, און ער זאגט: "קוק, דא שטייט עס, וועגן די האר". און דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט א שיינע הערה אויף דעם זוהר..

שפעטער ביינאכט האב איך אהיימשפאצירט פון שול מיט מיין זון ר' הערשל הי"ו און איך זאג אים איבער די שיינע הערה וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט אויף דעם שטיקל זוהר, זאגט ער מיר אז ער איז אמאל געווען אין ישיבה ווען ס'איז געווען א שמועס וועגן די נושא, דער ראש ישיבה האט גערעדט פון די הארבע זאך אז פרויען זאלן זיך אפשערן די האר, האט א בחור אריינגעפרעגט: "מ'זאגט דאך אין חז"ל אויף עטליכע פלעצער אז ס'איז משמע אנדערש"? האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "פון די גמרא'ס צייטן ביז יעצט, האט מען געמוזט האבן אין יעדן דור א צדיק וואס האלט אונטער דעם אידישן פאלק פון צופאלן, און די וועג ווי דאס אידישע פאלק האלט זיך איז דייקא דורך הארכן דעם צדיק וואס ראטעוועט אידישקייט אין יעצטיגן דור.

אז די צדיקים אין די לעצטע דורות האבן געוויינט און געבעטן אז די פרויען זאלן זיך שערן די האר, וועלן מיר מצליח זיין דייקא דורך גיין אין די וועגן פון צדיקים. די זאך פון זאגן אז די וועג פון די צדיקים פון פריערדיגן דור שטימט נישט ווייל איך זע אין די גמרא אזוי און אזוי, דאס איז קיין נישט ריכטיגע בליק".

נאך משה רבינו זענען געקומען די חכמי המשנה און געראטעוועט דאס אידישקייט, ווען נישט זיי וואלט גארנישט געבליבן פון כלל ישראל, און דער וואס האט דעמאלטס געפרעגט אז עס שטייט דאך אין תורה שבכתב פערציג מלקות, נישט ניין און דרייסיג, דער איז אוועק געפאלן פון כלל ישראל.

**א שאד איך בין געבוירן ביי א חסידישע משפחה, אוי ווען איך וואלט געבוירן ביי די קמץ בערדלעך און צירי יארמולקעס, וואלט איך אזוי אינדזשויט לייף...**

נאכדעם זענען געקומען די הייליגע אמוראים און געראטעוועט כלל ישראל פון אונטערגאנג, זיי האבן געקוקט אין די משנה מיט זייערע הייליגע אויגן און געזאגט 'חסורי מיחסרי והכי קתני', עס פעלט ווערטער אין די משנה, און די הלכה איז גאר אנדערש ווי עס האט אויסגעזען פריער פאר די חסורי מיחסרי, דער וואס האט נישט אנגענומען די וועג פון די הייליגע אמוראים איז אינגאנצן אוועק געפאלן.

און אזוי איז געווען ביים הייליגן אריז"ל, און אזוי איז געווען ביים הייליגן בעל שם טוב. ס'איז דא מענטשן וואס גלייכן צו זאגן אז זיי שטאמען פון די וואס זענען נישט געגאנגען אין דרך הבעל שם טוב, אבער מוהרא"ש זכותו יגן עלינו פלעגט צו זאגן אז יעדער איד אין היינטיגן דור וואס האלט זיך אין אידישקייט איז בזכות הבעל שם טוב.

אז מ'קוקט די מציאות ווייסט מען אז בשורש האבן די עלטערן און זיידעס געהאט א יניקה פון צדיקים וואס זענען געווען מתלמידי תלמידיו פון הייליגן בעל שם טוב. ווייל די ריאליטי איז אז די וואס נעמען נישט אן די וועג פון צדיקים וואס זיי ראטעווען כלל ישראל פון אונטערגיין, די קענען חלילה ווערן אויסגעמעקט ביז צוויי דריי דורות. און אויב מ'זעט אז זיי האלטן זיך אין אידישקייט און זענען נישט אוועקגעפאלן, מוז זיין אז זיי האבן געהאט עפעס א שייכות מיט'ן צדיק וואס האלט יעצט דעם אידנטום.

די זאך פון צדיקים וואס זיי זענען די וואס זענען די המשכה פון כלל ישראל, דאס האט גארנישט צו טון מיט מעסטן וועלכע צדיק איז גרעסער פון א צווייטן צדיק, ס'איז צוויי אנדערע זאכן. למשל, קיינער קען נישט היינט מעסטן די צדיקים פון די צייטן פון הייליגן אריז"ל, ווער איז געווען גרעסער פון וועם, אבער די המשכה פון כלל ישראל איז געגאנגען דייקא דורכ'ן אריז"ל, אזוי ווי ס'שטייט אין אשר בנחל און אין אנדערע הייליגע ספרים.

און די זעלבע זאך אין די צייטן פון רבי שמעון בר יוחאי, ס'איז בכלל נישט שייך צו מעסטן חלילה, אבער די ספרים הקדושים זענען מבאר וואס חז"ל זאגן "כשנכנסו רבותינו לכרם ביבנה אמרו עתידה תורה שתשתכח מישראל", און רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט חס ושלום עס וועט נישט פארגעסן ווערן די תורה פון די אידן, אז דער הייליגער רבי שמעון וועט ראטעווען כלל ישראל. אז חז"ל זאגן אז ר' שמעון בר יוחאי האט געראטעוועט כלל ישראל, איז נישט שייך זיך מפלפל צו זיין איבער דעם.

איך וועל דיר עס אויפווייזן בפועל ממש אין היינטיגן דור

וועסטו עס בעסער פארשטיין אז אזוי האט זיך געפירט אין אלע דורות.

שטייט א אינגערמאן אין טשיקאגא און רעדט און זאגט דיעות אויף רבינו הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו, ער רעדט פון סאטמאר'ן רבי'ן אזוי ווי מ'וואלט גערעדט פון עפעס א קאקאשקעיק'ער רבי וואס האט גע'ירש'נט א רבי'סטעוועו, און לייגט נישט א פינגער אין קאלט וואסער, נאר גייט אויף ביקור גומלין'ס צווישן איין נעתר לבקשתינו און צווייטן.

ניטאמאל ווייסט דער צוציק אין ווייטסטן חלום אז נאך אין יאר תשי"ב ווען ער מיט זיין טאטע מיט זיין זיידע זענען נאכנישט געבוירן, איז שוין דער רבי געווען אין טשיקאגא און אראפגעלייגט פינעף טויזנט דאלער אז די מקוה זאל זיין ווי עס דארף צו זיין!!!

דער רבי האט מטהר געווען דיין שטאט טשיקאגא און דו עפנסט א מויל?! דער רבי האט דיר געטון א טובה וואס דו ווערסט קיינמאל נישט קענען באצאלן און דו רעדסט?! דו האסט נאך א דעה צו זאגן?!

וואס זעט מען פון דעם? ער רעדט אויף א צדיק און ער ווייסט נישט אז ער לעבט פון אט דעם צדיק, ער ווייסט נישט אז אט דער צדיק אויף וועם דו רעדסט, האט פארראכטן דיין שטאט איידער דו ביסט געבוירן!

נאכדעם וואס דער צדיק האט זיך מבזה געווען צו גיין צו בויבעריק שאפן געלט און אראפלייגן פינעף טויזנט דאלער צו העלפן טהרתן של ישראל, שטייט דער מייסטער ווייסטער מייסטערמיניסטער אלצווייסער מיט'ן אנגעפולטן בויך פון קעז און מילך מכל המינים, און זאגט לכל מאן דבעי למידע: איי עם נאט סאטמאר, ווי אר סטריקטלי דויטשמעריש קמץ-בערדעליש פאר טען דזשענערעישנס! ווי אר די אויטענטיק דזשוס, ווי דאונט טשעינדזש, ווי אר די ארידזשינאל! פשי הא!

אזוי איז עס נעבעך מיט די אלע וואס רעדן ברייט, ער ווייסט פון זיין לעבן נישט און רעדט פון צדיקים אזוי ווי מ'וואלט גערעדט פון סטעיק פלייש, דאס איז גרעסער און דאס איז קלענער, ער ווייסט נעבעך נישט וואס ער ווייסט נישט, ער ווערט פארלוירן פאר א טאלער, ער קען זיך נישט קאנטראלירן די אויגן איין רגע ווען ער גייט אין גאס, ער ווערט אויסער זיך ווען מען ברענגט אריין הערינג מיט אייער קיכל, און ער פארשטייט צו צדיקים!!!

אזוי האב איך לעצטנס גערעדט מיט איינעם וואס ער נעמט

ער רעדט אויף א צדיק און ער ווייסט נישט אז ער לעבט פון אט דעם צדיק, ער ווייסט נישט אז אט דער צדיק אויף וועם דו רעדסט, האט פארראכטן דיין שטאט איידער דו ביסט געבוירן!

נישט קיין עצתו אמונה, ווייל "איי עם נאט ברסלב, ווי אר סטריקטלי קאקאשקעיקיש, פישזאפטיש, יוקאניש, דינאליאיש, קרעדיט-קארדיש, בריסקעטיש, פלאנקעניש, קאלווין-קליינ-יש, בערבעריאיש, פערעגאמויאיש, טאמי-הילפיגעריש, ברוקס-בראדערס'איש, פאר טען דזשענערעישנס, ווי אר די אויטענטיק, ווי דאונט טשעינדזש, ווי אר די ארידזשינאל!" פשי הא!

אויך מיר אויטענטיש.....

ווי אזוי ווערט מען אויטענטיש?

וועקמאכן צדיקים איז אויטענטיש?

וועקמאכן ערליכע אידן איז ארגינעל?

גראדע הער איך אז ער זיצט ביי א שיעור אין קהל בני קאקאשקעיק ד'פישזאפט, וואס דער מגיד שיעור לערנט יעדע וואך די עצתו אמונה און פרובירט אריינצוזוארפן דא אין דארט ווערטער פון אמונה, די זאך פון מתפלל זיין אויף אלעס וואס מען דארף, און די שומעי לקחו זאגן אז מ'דארף נישט עצתו אמונה ווייל זייער מגיד שיעור רעדט שוין פון מתפלל זיין צום אייבערשטן.

שכח אייבערשטער פאר די עצתו אמונה וואס ראטעוועט אזויפיל אידן פון אונטערגאנג דורכ'ן אויסרופן יעדן טאג נאכאמאל אז דער אייבערשטער איז דא און יעדער קען רעדן צו אים. ■

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com




# אויטאמאטישע טירן

## שאלה

וויאזוי ארבעטן די אויטאמאטישע טירן? וויאזוי ווייסן דער טיר אז איינער קומט, און ער דארף זיך עפענען?

יעקב וו.

## ענטפער

דער קורצער ענטפער איז אז עס זענען פאראן "סענסארן" (שפירערס) וואס אפילו מען קען זיי נישט באמערקן קענען זיי "שפירן" אז איינער קומט, און דער סענסאר שיקט א סיגנאל פאר'ן מאטאר פונעם טיר זיך צו עפענען.

דאס קומט אונז צו דערמאנען אז אפילו מיר זעען גארנישט, און מיר שפירן גארנישט, ווען מיר טוען סיי וואס פאר'ן אייבערשטן, קומען די סיגנאלן אן ווי זיי דארפן, און זיי עפענען אויף אלע טויערן פאר אונז.

אין די ערשטע תקופה פון אויטאמאטישע טירן פלעגט מען נוצן א "מעט" (מחצלת) וואס מען האט הארט איידער דעם טיר, דער קארפעט האט געהאט אונטער דעם א "קנעפל" וואס האט זיך אראפ געדרוקט ווען איינער איז ארויף געגאנגען דערויף, וואס האט דירעקט געעפענט דעם טיר.

איין חסרון דערפון איז געווען, אויב א קינד וואס וועגט ווייניג איז געקומען, האט זיך עס נישט געעפענט.

היינט נוצט מען נייערע טעכנאלאגיעס דערפאר. בעיקר ווערט גענוצט ליכט שטראלן וואס שיינען צו אן אויפכאפער, און ווען סיי וואס גייט אריין אינצווישן, ווערט אפגעהאקט דער שטראל, וואס זאגט פארן מאשין אז ער דארף זיך עפענען.

א מענטש קען זיך דאכטן אז וויל ער זעט עס נישט איז עס נישטא, אבער דער אייבערשטער האט באשאפן אסאך סארטן ליכט שטראלן וואס דער מענטשליכער אויג כאפט עס נישט אויף

דער מענטש קען נאר זען קאלירן צווישן רויט און וויאלעט (אלע אנדערע קאלירן זענען אינצווישן - אפשר וועט מען אמאל רעדן פון די קאליר ספעקטרום), אבער די קאלירן גייען נאך אסאך ווייטער, א מענטשן איז "קאליר בלינד" צו די אנדערע קאלירן, די קאליר בעפאר רויט ווערט גערופן "אינפראָ-רויט", וואס מיינט "אונטער רויט", און די קאליר נאך וויאלעט ווערט גערופן "אולטראָ וויאלעט", וואס מיינט "נאך וויאלעט", ווען מען שיינט די קאלירן, קען עס א מענטש נישט זען, און עס בלייבט טונקל פאר אונזערע אויג.

עס זענען דא מאשינען וואס קענען עס זען, און די אויטאמאטישע טירן נוצן זיך מיט די סארטן שטראלן.

ווען מיר הערן אויס א חבר זיינע שוועריקייטן, ווען מיר זענען מחזק א איד, מיר גייען הפצה, דאן שיינען מיר מיט די "אולטרא" ליכטיגקייט, וואס שיינט אסאך שטערקער ווי סתם לייטס, און כאטש די וועלט פארשטייט נישט דערצו, זענען אבער דא צדיקים וואס קענען דעטעקטן די אורות וואס שיינען און באלייכטן.

און ווי דער זוהר הקדוש זאגט, ווען מען מאכט ליכטיג אויף דער וועלט, מען ברענגט צוריק אידן צום אויבערשטן, פאר אים עפענען זיך אויף אלע טויערן אין הימל, און ער ווערט האבן קינדער צדיקים וואס וועלן ווייטער באשיינען די וועלט.

**מאך ליכטיג די וועלט!**

# א מעשה
## פון א צדיק



# אַ רְפוּאָה אַ דַאנְק מַאכְן אַ שִׁידוּךְ

אֵיין טָאג הָאט מוֹהֲרָא"ש זי"ע בַּאקוּמֶען אַ רוּף פוּן אַ שׁוֹחֵט וָואס וואוֹינְט אִין שְׁטָאט בְּרַאזִיל, אַז עֶס הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע מִיט אִים, אַן אָקְס וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט שֶׁחְטְ'ן הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף אִים אוּן אִים גֶעשְׁטוֹיסְן מִיט זַיינֶע הֶערְנֶער אוֹיף זַיין פִּיס, עֶר הָאט אִים גֶעבְּעךְ צֶעבְּרָאכְן זַיינֶע פִּיס רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר דַארְף יֶעצְט אַרוּמְגֵיין מִיט אַ רֶעדְל בֶּענְקְל, עֶס טוּט אִים זֵייעֶר וֵויי וַוייל עֶר הָאט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר אִיז נָאר גֶעקוּמֶען קַיין בְּרַאזִיל פָּשׁוּט צוּ קוּמֶען אַרְבֶּעטְן אוּן פַּארְדִינֶען אַבִּיסְל גֶעלְט צוּ קֶענֶען שְׁפַּייזְן זַיין מִשְׁפָּחָה, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, וְוִיאַזוֹי גֵייט מֶען צוּרִיק מִיט אַ רֶעדְל בֶּענְקְל, אוּן וָואס גֵייט עֶר טוּן דָארְט אִינְדֶערְהֵיים אַזוֹי אִימְבַּאלִימְפֶּערְט, עֶר בֶּעט אַ בְּרָכָה אוּן אַ עֵצָה פוּן מוֹהֲרָא"ש.

הָאט אִים מוֹהֲרָא"ש גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וואוּ וֵוייסְטוּ וֶוער אִיךְ בִּין, פוּן וואוּ הָאסְטוּ מַיין נָאמְבֶּער?" הָאט דֶער שׁוֹחֵט גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶפֶּעס אַ בָּחוּר וָואס אִיז מְקוּרָב צוּ אַייךְ, גֶעפוּנְט זִיךְ יֶעצְט דָא אִין דֶעם מְדִינָה, אוּן עֶר אִיז מֵפִיץ סְפָרִים, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ בַּאקוּמֶען אַ סֵפֶר פוּן אִים, אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעפֶעלְן, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט, הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט צוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוּן אַ עֵצָה פוּן אַייךְ."

הָאט מוֹהֲרָא"ש זי"ע אִים גֶעזָאגְט: "וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער בָּחוּר וָואס דוּ הָאסְט בַּאגֶעגֶענְט דַארְף אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה וַוייל עֶר וָוארְט נָאךְ אוֹיף זַיין שִׁידוּךְ, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אִיז אִיךְ הַאלְט מֶען זָאל מַאכְן אַ גֶעשֶׁעפְט, דוּ טְרֶעף אִים אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אוּן אַלְס שְׂכַר פַארְן טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה, אוּן דוּ וֶועסְט נָאךְ טַאנְצְן מִיט דַיינֶע פִּיס בַּיי זַיין חֲתוּנָה"....

הָאט דֶער שׁוֹחֵט גֶעפְרֶעגְט: "מוֹהֲרָא"ש מֵיינְט דָאס מִיט אַן עֶרְנְסְטְקֵייט?" הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעעֶנְפֶערְט: אַוַודַאי! פְּרָאבִּיר עֶס אוֹיס וֶועסְט זִיךְ אַלֵיין אִיבֶּערְצֵייגְן".

דֶער שׁוֹחֵט הָאט גֶעטוּן צוּם זַאךְ אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוּמְגֵיין מִיט זַיין רֶעדְל בֶּענְקְל, גֶעטוּן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ פַאר דֶעם בָּחוּר. בִּיז עֶר הָאט בָּרוּךְ הַשֵׁם מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ אִים מַאכְן אַ חָתָן, צוּ אַ טָאכְטֶער פוּן אֵיינֶער פוּן דִי רַבָּנִים אִין יֶענֶע גֶעגֶענְט.



מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ תְּנָאִים מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן בַּאשְׁטֶעטִיגְט אַ צַייט פַאר דִי חֲתוּנָה. אִינְצְוִוישְׁן הָאט זַיין פִּיס אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶוערְן מֶער אוּן מֶער אוֹיסְגֶעהֵיילְט שֶׁלֹא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע. וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען דִי צַייט פוּן דִי חֲתוּנָה, הָאט עֶר שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵׁם גֶעקֶענְט אַהֵיימְפָארְן אָן אַ רֶעדְל בֶּענְקְל, אוּן ווִיבַּאלְד דִי חֲתוּנָה אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אִין אַמֶערִיקֶע אִיז עֶר אַהֵיים גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אוֹיפְן וֶועג הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין אַמֶערִיקֶע צוּ זַיין בַּיי דִי חֲתוּנָה. דִי שִׂמְחָה בַּיים חֲתוּנָה אִיז גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיס, עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן אִין אַ רִינְג דֶער שׁוֹחֵט, דֶער חָתָן אוּן מוֹהֲרָא"ש זי"ע.

אַלֶע הָאבְּן גֶעזֶען בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן פָאלְגְן אַ צַדִיק, אוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מַאכְן אַ שִׁידוּךְ, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת וּרְפוּאוֹת.

(שיחות מוהרא"ש חלק י' ערך נפלאות)



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

## צ"ד

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

רֹאשׁ הַשָּׁנָה תקס"ג, רֶבִּי נָתָן קוּמְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער קִיבּוּץ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אַלֶע שְׁטֶעט, וָואס הָאט גֶעדַאוֶוענְט צוּזַאמֶען מִיט רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אָנְגֶעזָאגְט פַאר אַלֶע מְקוּרָבִים אַז זַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן יֶעדֶער זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט דַאוֶוענֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר פִיר שָׁעָה, אַלֶע מִתְפַּלְלִים הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען אוּן זֶענֶען אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען עֶסְן דִי סְעוּדַת יוֹם טוֹב, אוּן גֶעבֶּענְטְשְׁט, אוּן צוּרִיק גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט נָאכְאַלְץ גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה.

דֶער עוֹלָם הָאט גֶעוַוארְט אוּן גֶעוַוארְט בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען, אוּן דַאן הָאט עֶר יֶעדְן אָנְגֶעוִוינְטְשְׁן "לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵב וְתֵחָתֵם לְאַלְתַּר לְחַיִּים טוֹבִים".

עֶס אִיז בַּאקַאנְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "וָואס אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים פּוֹעֶלְ'ן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, פּוֹעֵל אִיךְ אִין דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה". נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִין דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט פִיר אִיךְ קוֹדֶם אַרִיבֶּער מַיינֶע מֶענְטְשְׁן".

מִיטְל נַאכְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צ"ח, ו') בַּחֲצֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר, דִי תּוֹרָה וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ה'.

דֶעמָאלְט הָאט מֶען גֶערֶעדְט אַז מְ'וִויל מַאכְן שְׁוֶוערֶע גְזֵירוֹת אוֹיף אִידְן, אַז מְ'זָאל נֶעמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין דִי מִילִיטֶער, אוּן נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע גְזֵירוֹת, וָואס מְ'הָאט גֶערוּפְן "פּוּנְקְטְן".

דֶער רֶבִּי, בַּיים זָאגְן דִי תּוֹרָה, הָאט עֶר פְּרוּבִּירְט מְבַטֵל צוּ זַיין דִי גְזֵירָה. אִינְמִיטְן דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (סַנְהֶדְרִין ל"ז.) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זָאגְן "בִּשְׁבִילִי נִבְרָא הָעוֹלָם", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פַאר מִיר, קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיבּ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פַאר מִיר, דַארְף אִיךְ אַלְץ פְּרוּבִּירְן זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי וֶועלְט, צוּ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִי וֶועלְט, אוּן זֶען צוּ עֶרְפִילְן דִי חֶסְרוֹנוֹת וָואס אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אַז דִי תְּפִלוֹת זֶענֶען דָא אוֹיף צְוֵויי סָארְט וֶועגְן, אַמָאל אִיז עֶס נָאךְ פַאר סְ'אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער גְזַר דִין, אוּן אַמָאל אִיז עֶס שׁוֹין נָאכְ'ן גְזַר דִין, וִוי מְ'קֶען זֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִינֶעוֵוייניג.

מְ'הָאט דַאן פַארְשְׁטַאנֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז סְ'הַאלְט שׁוֹין נָאכְ'ן גְזַר דִין, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעאַרְבֶּעט יֶענֶעם גַאנְצְן יָאר, שְׁנַת תקס"ג, צוּ מַמְתִּיק זַיין דֶעם גְזַר דִין, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע גֶע'פּוֹעֶלְ'ט אַז מְ'הָאט אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט דִי גְזֵירָה פַאר פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג יָאר.

מְ'הָאט גֶעהֶערְט דֶעמָאלְט וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ דָאס אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט אוֹיף עֶטְלִיכֶע אוּן צְוָואנְצִיג יָאר". אוּן סְ'אִיז טַאקֶע אַזוֹי גֶעוֶוען, פוּן וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה, בִּיז וֶוען דִי גְזֵירָה הָאט פַאקְטִישׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְגֶעפִירְט צוּ וֶוערְן, סוֹף יָאר תקפ"ז, אִיז גֶעוֶוען בְּעֶרֶךְ פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג יָאר.

**וָואס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפִּילְט**
**לֵייְנְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה**

# היכל הלכה

## הלכות הדלקות הנרות
### סעיף ו' ז'

**הקדמה א':** די מצוה פון הדלקת נר שבת האט צוויי חלקים **1)** **כדי שלא יכשל בעץ ובאבן.** דאס הייסט מ'זאל זען ווי מ'גייט, און זיך נישט צוקלאפן וכדומה. אבער אויף דעם אליינס האבן די חכמים נישט מתקן געווען א ברכה, ווייל ס'איז נאר אוועקצונעמען א פראבלעם, אזוי ווי מים אחרונים האט מען נישט מתקן געווען א ברכה (80), ווייל ס'איז נאר אוועקצונעמען א פראבלעם. **2)** כבוד ועונג שב"ק: דאס הייסט ווען ס'איז לעכטיג אין שטוב, איז עס געשמאק, און ס'איז א פארגעניגן!

מילא ווען די פרוי צינדט אין שבת שטוב (דייני"ג רו"ם) דארטן ווי מ'עסט, איז דאס די עיקר מצוה, ווייל דארט איז שייךביידע חלקים פונעם מצוה, סיי מען זעט ווי מען גייט, און סיי עס איז אסאך מער געשמאקער צו עסן ווען ס'איז לעכטיג, מילא איז דארט די עיקר מצוה, און מ'זאגט דארט די ברכה

מה שאין כן די אנדערע שטובער, אמת טאקע מען דארף צינדען כדי מען זאל זען ווי מען גייט, אבער ס'איז שוין נישט קיין עיקר מצוה, ממילא זאגט מען דארט נישט קיין ברכה (81), און מ'איז יוצא די ברכה וואס די פרוי זאגט אויף די ליכט אין שבת שטוב (דייני"ג רו"ם). אזוי אויך שרייבן די פוסקים (82), אז היינט איז מען יוצא אין די אנדערע שטובער מיט לייט"ס, אבער דארט ווי ס'איז עיקר מצוה דאס הייסט דארט ווי מ'עסט דארף זיין געהעריג מיט לעכט וואס חז"ל האבן געזאגט

**הקדמה ב':** די מצוה פון הדלקת נרות שבת האט צוויי חיובים **1)** חובת הבית. דאס מיינט אז די שטוב אין וואס ער איז שב"ק זאל זיין באלאכטן. **2)** חובת הגוף. דאס מיינט אז א מענטש זאל האבן א שייכות - א שותפות מיט די מצוה, דאס הייסט אפי' די שטוב איז שוין באלאכטן כהלכה, אויב האט דער מענטש נישט קיין שייכות דערמיט פעלט פון די חיוב פון די מצוה

**ס"א)** אויב דער מאן האט א אייגענע שטוב, ווי למשל א ספרים שטוב, א אפיס וואס מ'גייט דארט אריין שבת עפעס נעמען וכדומה, דארף מען דארט צינדן שבת לעכט כדי ס'זאל זיין לעכטיג, און מ'זאל זיך קענען דארט באניצן שב"ק, אבער מ'זאגט נישט דארט קיין ברכה, ווייל מ'איז יוצא מיט די ברכה וואס די פרוי זאגט ווען זי צינדט אין שבת שטוב וואס דארט איז די עיקר מצוה, און ווי ערוועהנט איז מען יוצא מיט די לייט"ס

**ס"ב)** דאס איז אלעס ווען ער איז אינדערהיים, און ער האט א חדר מיוחד. אויב איז מען צוגאסט אן די ווייב, נישט קיין חילוק א בחור וואס האט נאך נישט חתונה געהאט, אדער א יונגערמאן, וואס מען צינדט נישט יעצט אינדערהיים פאר אים, למשל נאך א קינד, זי איז נאך אין שפיטאל, ווענדט זיך עס אויף וואספארא אופן מ'איז א גאסט! (83)

1] אויב געט מען אים א פריוואטן צימער, דאס הייסט אז דער בעל הבית גייט נישט דארט אריין (84), איז מעיקר הדין דארף ער דארט צינדן ליכט (85), אבער די פוסקים שרייבן אז אפילו אין אזא פאל ווען ער האט א פריוואטן צימער, אויב איז ער זיך משתתף בפרוטה (88), אדער ער עסט דארט מיט די סעודה (86), איז גענוג אז ער צינדט אן די לייטס לכבוד שב"ק (87)

**ס"ג)** די זעלבע דין איז אויך ווען עס שלאפן אפאר אידן אין א צימער, און זיי עסן ביי דעם בעל הבית, איז מיט דעם וואס זיי עסן דארטן ווערן זיי סמוך על שולחנו, איז מען יוצא הדלקת נרות דורכ'ן בעה"ב, און מען צינדט אן די לייטס אין שטוב לכבוד שב"ק

מיט דעם פארשטייט מען שוין ווי אזוי ס'איז איינגעפירט ביי אונז אין בנין אין אומן יצ"ו, ווען מען וויילט דארט אין די טעג פון ראש השנה, שב"ק, אז דער ראש ישיבה שליט"א צינדט אן יו"ט-שבת ליכט דארט ווי מען עסט, מען איז יוצא די חובת הגוף (89), און מען צינדט אן די לייט"ס אין די שטוב ווי מען שלאפט לכבוד שב"ק, איז מען יוצא חובת הבית עס זאל זיין באלאכטן

**ס"ד)** 2] א גאסט וואס האט נישט קיין פריוואטן צימער (90).

## הערות

80) עי' שו"ע סי' קפ"א סעי' ז', ומשנ"ב שם סקי"ז.

81)מער קלארער אויסגעשמועסט, מיר פסק'נען אז אפילו ווען מ'צינדט נאר כדי שלא יכשל מאכט מען א ברכה, אזוי ווי מ'מאכט א ברכה יום כיפור אויף די לעכט, כאטש מ'עסט נישט דארט (מג"א סקי"ג סי' תר"י סעי' ב' רמ"א שם) וועגן דעם איז טאקע די הלכה אז ווען איינער עסט אויף איין פלאץ און שלאפט אין א צווייטע פלאץ קען ער צינדען, און אויך מאכן א ברכה דארט ווי ער שלאפט, אויב ווען ער קומט דארט אהין שלאפן ברענט נאך די לעכט. נאר נארמאלערהייט האט מען צוויי אפציעס, אדער צו מאכן די ברכה דארט ווי מ'עסט און מ'דרייט זיך, אדער מאכן די ברכה דארט ווי מ'עסט נישט, נאר מ'דרייט זיך, זאגט מען שוין די ברכה דארט ווי מ'עסט ווייל עס האט ביידע חלקים פון די מצווה

82) כן יוצא מעמק התשובה ח"ג ס' ע"ג דברי יציב אוח ק"כ - שבט הלוי סי' כ"ד ח"גי ח"א סי' נ"א.

83) עי' בשו"ת מנחת יצחק ח"ז סי' מ"ו, שו"ת קנין תורה ח"ד סי' פ"ב ח"ו סי' י', אז אפילו מ'איז ווייט אוועק פון שטוב, און אפילו די שעות זענען געריקט, למשל מ'איז אין ארץ ישראל, אדער אין יוראפ, איז מען אויך יוצא די "חובת הגוף" פון צינדען נרות שבת דורך די ווייב'ס ליכט, אבער מען דארף נאך צינדן דארט ווי מען געפונט זיך משום חובת הבית

84) הא לך לשון שו"ע התניא סעי' ט' בסגריים, ואפי' אם יש לו אלא שבעה"ב משתמש שם ג"כ, וצריך בעה"ב להדליק שם נר שלו, רואין מזה, שהחדר צריך להיות שלו לגמרי, שאין שם השתמשות לבעה"ב שם.

85) בפשטות בשו"ע סעי' ז' כ', אורח שאין לו חדר מיוחד וכו' צריך להשתתף בפרוטה, משמע דאם יש לו חדר מיוחד לא מבני השתתפות בפרוטה. וכ"כ שם במשנ"ב סק ל"ב:

86) בעצם כ' בשו"ע התניא סעי' ט' בסופו, דאם יש לו חדר מיוחד, לא מהנו זה שהוא נסמך על שולחן בעה"ב. בס' מכון לשבתך ראיתי חידוש גדול, בנוי על תשובה דבר"י (ח"א סי' קי"ט אות ג') דבחורים שכ' בשו"ע שצריכים להדליק בחדרם, זהו כשהיו אוכלים ג"כ שם! [חידוש הוא, עי' משנ"ב סקכ"ט דלא כותיה] משא"כ אם אינם אוכלים שם אלא אצל בעה"ב, א"כ חובת הגוף יוצאים ע"י אשתו של בעה"ב, ולפי ד' הדרך החיים, אם יוצאים חובת הגוף כבר אין מברכין על חובת הבית כנ"ל, מש"ה סגי שידליק בחדר שישינים שם לייטס לכבוד שב"ק.



איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

אויב די ווייב צינדט אין שטוב, דארף ער זיך נישט משתתף זיין בפרוטה.

אויב די ווייב צינד נישט אין שטוב, דארף ער זיך משתתף זיין בפרוטה, אדער דאס אז ער עסט דארט איז גענוג.

**הקדמה קצרה:** היות תקנת חכמים איז עס זאל זיין ליכטיג אין שטוב שב"ק, איז ווען ס'איז דא אפאר משפחות אויף איין פלאץ, למשל די חתונה געהאטע קינדער קומען אויף שבת, איז אפשר קען מען נישט צינדן אפאר מענטשן און מאכן א ברכה, ווייל נאך די ערשטע מענטש צינדט איז שוין לעכטיג, איז אויף וואס מאכסטו א ברכה?! דאס איז די שיטה פונעם מחבר; אבער מיר פסק'נען ווי דער הייליגע רמ"א:

**ס"ה)** אז אפילו ס'איז דא אפאר משפחות אויף איין פלאץ, צינדט יעדער, און יעדער זאגט א ברכה (91).

**ס"ו)** לכתחילה זאל יעדע משפחה צינדן אין א באזונדערע פלאץ..

**ציורים ומשלים וואס קומען ארויס פון די אויבערדערמאנטע דינים: 1)** א מאן וואס פארט אוועק אויף שבת, און די פרוי בלייבט אין שטוב און זי צינדט אין שטוב; אויב אויב האט ער א אייגענע שטוב דארט ווי ער שטיט איין, און ער עסט און שלאפט אין דעם שטוב, צינדט ער מיט א ברכה שבת ליכט.

**2)** אויב עסט ער אין א אנדערע שטוב מיט נאך מענטשן, אויב איז דער בעה"ב דארט, צינד דער בעה"ב, און ער איז יוצא [חובת הגוף]. אין די שטוב ווי מ' שלאפט איז גענוג אז מ'צינדט אן די לעקטער לכבוד שב"ק: (לכתחילה אויב ער קען זאל ער אנצינדן ליכט אין די שטוב ווי ער שלאפט, אויב ס'איז נישט קיין סכנה און מ'לאזט דארט צינדן ליכט אין די שטוב).

**3)** אויב איז נישט דא קיין בעה"ב דארט, אלע זענען געסט, מאכט מען אז איינער צינדט, און יעדער איז זיך משתתף בפרוטה אדער קען ער מקנה זיין פאר יעדעם, א חלק פון די ליכט: *)

**4)** אויב מען וויל קען יעדער צינדן באזונדער, דארט ווי מ'עסט: **)

**5)** אויב א פרוי איז אין שפיטאל אויף שבת, בעצם איז זי מחויב דארט צו צינדן געהעריג שבת ליכט, אבער היות מ'לאזט נישט צינדן דארט קיין ליכט, בדרך כלל זאל מען אנצינדען אדער אזאנע ליכט געמאכט פון לייט"ס און זאגן לכבוד שבת קודש אן א ברכה, אדער זאל זי אנצינדען די לעקטער פון די שטוב און זאגן לכבוד שב"ק אן א ברכה.

**6)** די זעלבע הלכה איז טאמער די מאן אין שפיטאל לא עלינו..

**7)** א יונגערמאן וואס איז געגאנגען צו די עלטערן אויף שבת און ער עסט דארט, סיי אויב האט ער אן עקסטערן שטוב, סיי אויב ער האט נישט קיין עקסטערן שטוב, סיי אויב די פרוי צינדט אין שטוב, און אפילו אויב נישט, האבן מיר מבאר געווען להלכה, אז ער קען יוצא זיין מיט די עלטערנ'ס שבת ליכט.

אויב האט ער א באזונדערע שלאף שטוב, זאל ער אנצינדן די לעקטער און זאגן לכבוד שבת קודש, אויב ער וויל קען ער דארט צינדן שבת ליכט.

**8)** א בחור וואס שלאפט אין א דארמעטרי, מיט נאך בחורים אינעם זעלבן שטוב. אויב עסן אלע בחורים צוזאמען אין א לאנט"ש רו"ם וכדומה, זאל איינער צינדן, און יעדער זאל זיך משתתף זיין מיט די ליכט. אדער זאל עס איינער קויפן, און ער זאל מקנה זיין פאר יעדעם א חלק פון די ליכט, מיטן ארויסזאגן מיטן מויל אז ער איז מקנה איז גענוג.

**9)** אויב די בחורים עסן ביי מענטשן, האבן מיר מבאר געווען להלכה, אז מ'איז יוצא מיט די שבת ליכט וואס דער בעה"ב צינדט דארט ווי מען עסט, און ביים שטוב ווי מען שלאפט צינדט מען אן די לעקטער לכבוד שב"ק.

[הידור, אויב די הנהלה לאזט וכדומה, און ס'איז נישט קיין סכנה, זאל מען צינדן ליכט אין די שטוב ווי מ'שלאפט, אדער יעדער איז זיך משתתף מיט די ליכט, אדער איינער קויפט די ליכט און איז מקנה פאר יעדעם א חלק.]

# הערות

87) היות "חובת הגוף איז מען יוצא מיט די ווייב'ס ליכט, אזוי ווי עס שטייט אין אות 83, מילא איז נאר דא, אין די אכסניא ווי ער שטייט איין "חובת הבית". וכ' בשבט הלוי ח"א סי' נ"א, אז אויף חובת הבית אליין מאכט מען נישט קיין ברכה, אין פאל וואס מ'איז יוצא חובת הגוף דורך די ווייב. ביתר ביאור : בב"ה ד"ה בחורים כ' שם ד' הדרך החיים, באיש נשאוי אפי' אם הוא חוץ מביתו אי"צ לברך משום שאשתו מברכת בשבילו בביתו, והב"ח חולק עליו, ובס' מכון לשבתך כ' דבר נאה ומתקבל, דלפי דברי השבט הלוי הנ"ל, דעל חובת הבית בלבד אינו מברך, ומש"ה אין הבעל צ"ל סמוך לאשתו כשהוא מברכך על הנרות כשיש לו חדר מיוחד תוך ביתו, והוא מדליק שם, ואינו דומה לבדיקת חמץ, שאם יש לאדם הרבה חדרים, וממנה שליח לבדוק באותן חדרים, שהדין היא שהשליח לכתחילה צריך לשמוע הברכה מבעה"ב, ומבואר בסי' תל"ב, דבאמת אין חיוב ברכה כלל על הבעל, כיון דהאשה פוטרתו מחובת הגוף השלו, ומה שמדליק בשאר חדרים הוא רק משום חובת הבית וזה אי"צ ברכה

וכבר כתבנו כמה פעמים, דאם אין אלא חובת הבית, דהיינו כדי שלא יכשל, יכול לצאת ע"י לייט"ס לכבוד שב"ק.

88) עי' בספ' שבת בשבתו דף קל"ז, דאפי' בכה"ג שיש לו חדר מיוחד מבני השתתפות בפרוטה, וזהו דלאכס' חובת הדר (סי"ב הערה מ"ד) דסובר דבכה"ג שיש לו חדר מיוחד לא מבני השתתפות בפרוטה

89) כ' בכף החיים סק"ג סי' תרע"ז - אז אויב מ'צאלט א סכום, א פרייז, אין דעם איז נכלל אלעס וואס מען גייט עסן - שלאפן וכדומה דעמאלט דארף מען נישט געבן קיין פרוטה.

90) שו"ע סעי' ז'.

91) רמ"א סעי' ח; וכן כ' לבוש (ס"ט) עו"ש סק"ד, וכ"כ החיי אדם (כלל ה' סי"ב) וכ' בכף החיים דכן יש נוהגין בספרד, אעפ"י דאין כן דעת מחבר.

* שבט הלוי ח"א סי' נ"א.

** שו"ע סעי' ח' רמ"א

# קוק אהער

## ווער האט טאקע געוואונען?

איך זיץ מיר דא דינסטאג נאכט פרשת לך לך מיטן פעדער אין די האנט, פארנט פון דעם ווייסן פאפיר, בשעת גאנץ מדינת אמעריקע קאכט ווי א קעסל - ווער גייט זיין דער ענדגילטיגער געוואונער?

איינער שרייט קלאר "ער גייט נישט נעמען דאס געוואונס פערזענליך, אבער... און מוזט פארשטיין אז למעשה טראמפ...." בשעת דער צווייטער שרייט חי וקים אז "טראמפ ראטעוועט גאר כלל ישראל, נישט דא וואס צו רעדן!"

איינער זאגט "אויב מאכט עס נישט טראמפ גייט ער אויף טערעפי פאר ענקזייעטי, ער גייט מוזן איינעמען עפעס סחורה"... בשעת דער צווייטער מיט די פארגלייזטע אויגן באכעט אין טיש אריין "ער איז שוין אויף סחורה, אמעריקע גייט אונטער!!!"

דער אינגערמאנטשיקל וואס האלט אייביג פארקערט פון יעדן, איז מסביר בטוב טעם אז "נאכאמאל, איך האב טאקע נישט געשטימט פאר די דעמאקראטן, אבער אויב געוואונען זיי, גייט ווייטער זיין מורא'דיג, די רעפובליקאנער זענען למעשה יענע חברה, די דעמאקראטן שטעלן צו אלע פראגראמען..."

שאאא... מ'פארדאמט אים גראד "ווי אזוי קען א איד בכלל אזוי רעדן? ס'איז א חוב פאר יעדן איינעם צו שטימען פאר טראמפ, נאר וועגן רובאשקין אליינס!" יא אמת אלע מוזן צו שטימען...

שוין תכלית, שטיי מיר יעצט אז פענסלוועניע איז פינק און אריזאנא איז נאכנישט קלאר, מ'גייט עס איבערציילן... מ'גייט נישט וויסן ווער ס'איז דער געוואונער ביז מיטוואך - דאנערשטאג לכאורה...

די דשאוקס פליסן אין די מאסן, "יא די טויטע גייען שטימען, מ'האלט אינמיטן פעלשן, און עפעס א פאסט ארבייטער האט גאר ארויסגעווארפן אין מיסט א ריזן צאל שטימען..."

קודם לאכט מען, אבער אביסל נאכדעם ווערט שוין די מצב מער ערנסט, ס'האלט שוין יעצט אז אפילו די וואס ס'האט זיי ממש נישט אינטערעסירט די גאנצע וואלן זיצן שוין אויף שפילקעס און רעכענען אויס די צאל דעלעגאטן מיט אלע פינגער פון די הענט און פוס...

פלוצלונג געט איינער א געשריי: "אידישקייט אין אמעריקע איז פערטיג אויב קומען די דעמאקראטן אריין... איך מאך שוין פלענער איך גיי מופן צו א צווייטע מדינה, ס'גייט זיין געפערליך"...

אנאליסטן זיצן מיט אנגעשפיצטע אויערן נישט צו פארפאסן קיין איין סעקונדע פון די קריטישע מאמענטן וואס גייען באשליסן אונזערע צוקונפט... איינער שרייט בקול רם "הער אויס, אדער טראמפ אדער גע'גנב'עט, דא וועט זיך אמעריקע איבערקערן, מ'גייט עס נישט צולאזן!"

נא וואס וועט טאקע זיין?

דו זאגסט אז דיין שטימע מאכט סיי ווי נישט אויס? אבער מ'מוז שטימען! דו האסט רעכטן, מיר האבן א פרייע מדינה, מיר מוזן נוצן אונזערע רעכטן, נישט קיין חילוק פאר וועמען אבי שטים!

שוין, איר זיצט יעצט שבת נאכמיטאג פרשת וירא און איר לייענט דא מיינע שורות. איך ווייס נישט אויב ביי דעמאלט וועט מען שוין וויסן ווער ס'האט טאקע געוואונען אפשר האלט מען שוין טיף אינמיטן א ציווילע קריג, קען זיין אז מ'פאקט שוין פעק און זעק און מ'גייט אנטלויפן...

אפשר גאר שאלט מען פאר פרייד אהההה טראמפ האט עס, קען שוין זיין אפילו אז ביי יעצט ווען איר לייענט די שורות האט זיך שוין די אוקראינישע-רוסלאנד מלחמה געענדיגט, איז אומאן יעצט אין רוסלאנד? גיימער דארפן מאכן קומענדיגע יאר א רוסישע וויזע צו קענען פארן צום רבי'ן?

ס'קען זיין אז אלע אימיגראנטן זענען שוין צוריקגעשיקט געווארן, און אלע פארברעכנס זענען שוין געקומען צו א באלדיגע אפשטעל... ווער ווייסט?!

איך זיץ מיר דא דינסטאג נאכט און

# דאס און יענץ
# מיט א טיפערע
# ארייבנליק

**ישראל דוד העסקעל**




איך שפעקוליר, איך פאנטאזיר ווי אזוי גייט די וועלט אויסקוקן בשעת ווען איך וועט ליינען די שורות וואס איך שרייב דא?

אין מיטל מזרח גייען זיך שוין אלע שאקלען די הענט, ריגעלע רוגז? ווי אזוי גייט עס אויסקוקן?

איך מוז וויסן ווער איז דער געוואונער!

נא, ווער איז טאקע דער געוואונער? איר ווייסט שוין?

איך ווייס שוין! יא נאך בעפאר אלע אנקעטעס האבן געוואוסט, נאך בעפאר די פאולס האבן זיך פארמאכט, ווען אלע שפעקולירער און נייעס קוועלער האבן געהאלטן אין איין טוישן זייער מיינונג ווער ס'וועט טאקע זיין דער ענדגילטיגער געוואונער, האב איך שוין געוואוסט!

יא אפילו בשעת טראמפ איז געזעסן מיט שפילקעס, און זי איז געזעסן מיט אפאר אויגן צוגענאגלט צו די אנקעטעס, האב איך שוין געוואוסט ווער איז דער ענדגילטיגער געוואונער!

ווייסט ווער?

איך!

יא איך! איך בין דער גרעסטער געוואונער וואס ס'איז פאראן! אנקעטעס זאלן ווייזן אהין, אנקעטעס זאלן ווייזן אהער, ס'וועט זיי גארנישט העלפן, דער געוואונער בין איך!

נישט דער גוי טמא איז א געוואונער, און נישט די שקצה טמאה חפצה של עבירה איז די געוואונער! וואס קענען זיי מיר העלפן? וואס קענען זיי זיך העלפן? וואס קענען זיי העלפן אמעריקע?

זיי ליגן אלע אין די הענט פונעם אייבערשטן, און ווי אזוי דער אייבערשטער וועט פירן וועט מילא זיין דאס בעסטע וואס קען זיין!

זיי זענען קיין געוואונערס נישט! טראמפ קען קיין מלחמות נישט אפשטעלן, און זי קען קיין עקאנאמיע נישט צוברעכן. אימיגראנטן וועלן קומען און גיין דארט וואו דער אייבערשטער וועט זיי שיקן, סיי צו ס'איז יא דא א וואנט, סיי צו ס'איז נישט דא א וואנט. די ראטעס וועלן זיין אויף די פונקטליכע נומער אויף וואס דער אייבערשטער וועט עס אנשטעלן, און די מדינה הטמאה וועט קיין קיום סיי ווי נישט האבן, ווייל אזוי האבן די צדיקים געזאגט!

איז דאס א געווינער? דאס איז געלעמטע קאטשקע וואס קען נאר טון וואס דער אייבערשטער וויל, ווי אזוי דער אייבערשטער וויל!

אז איך רעד שיין צו מיין ווייב בין איך א געווינער!

איך בין א קלארער געווינער, מ'דארף גארנישט איבערציילן. איך האב א ראש ישיבה וואס געבט מיר א וועג צו לעבן, איך פאלג די עצות פון א צדיק, איך בין דער געוואונער!

היינט האב איך געוואונען ח"י פרקים משניות, א דף גמרא, חומש רש"י! אהההה פיין בין איך דער געווינער, קיינער קען מיט מיין געווינס נישט צוריבן!

איך האב זוכה געווען צו גיין אין מקוה און דאווענען דריי תפילות און שול. איך האב געכאפט א שפאציר מיטן אייבערשטן, איך האב אים אלעס פארציילט וואס גייט אויף מיר אריבער, ווער דען איז א געווינער?!

מאכט מיר א נפקא מינה אויב אמעריקע איז רויט צו בלוי? פון מיין זייט קען עס זיין פורפל... דער אייבערשטער

פירט די וועלט זייט ששת ימי בראשית און ער וועט איר ווייטער פירן ביזן סוף אלף השישי און אלעס אינציווישן איז נאר אייבערשטער!

ווער איז דער זיכערער פארלירער?

דארט שטייט ער ביים ווינקל שוין די לעצטע צוואנציג יאר, און קען נישט מחליט זיין אויב זאגן משניות הייסט טאקע געלערנט? ער שמועסט דארט מיט זיין חבר ביז פארטאגס וועגן די וואלן... שומו שמים פארגעסן פון זיין ווייב, פארגעסן פון זיינע קינדער, יעצט האט ער חברים!

ער טענה'ט מיט א קלארקייט אז די גאנצע זאך פון מעביר סדרה זיין יעדן טאג דאס איז נייע זאכן! מ'ברויך זיך גאר שטארק אכטונג געבן נישט צו ווערן פארכאפט... פרעג אים, ער האט דעם גאנץ יאר קיין חומש נישט געעפנט...

ער שטייט דארט ביים ווינקל און זאגט "יא אוודאי אלעס איז דער אייבערשטער אבער אויב זי קומט אריין גייט זיין געפערליך!!! כלל ישראל גייט אונטערגיין..." קוק נאר אויף אים ווי ער טאנצט ווען טראמפ האט באקומען נאך פיר דעלעגאטן, ס'רינט אים שפייעכץ פון מויל, ער האט עס, ער וועט אונז העלפן, נאר ער קען אונז העלפן...

"זאג נאר, דו מאכסט זיך א צייט ווען דו רעדסט אביסל מיטן אייבערשטן?" וואס עפעס "איך רעד א גאנצן טאג מיטן אייבערשטן!" יא אוודאי, קענסט אים אפילו פרעגן!

יאפ ער איז דער זיכערער פארלירער, ער האט גארנישט אין האנט! אמאל פלעגט ער נאך האבן געלט כאטש, איך געדענק נאך ווי ער פלעגט רעדן פון געלט, אוי באשעפער ווי ס'איבלט. "וואס האסטו ליב?" האב איך אים געפרעגט אמאל. "געלט" איז געווען זיין באלדיגע ענטפער, נאר דאס האט ער געזען פאר די אויגן...

> איך געדענק נאך ווי ער פלעגט רעדן פון געלט, אוי באשעפער ווי ס'איבלט. "וואס האסטו ליב?" האב איך אים געפרעגט אמאל, "געלט" איז געווען זיין באלדיגע ענטפער.

אבער היינט האט ער שוין דאס אויך נישט, ווייל זיין טעראפיסט מיט זיין קאנסאלטענט האבן אים געלאזט נקי מכל, און אים געזאגט אז ווען ער האט נאכאמאל געלט קען ער צוריק קומען...

יא! איך האב געוואונען, איך נוץ אויס יעדע מינוט אויף תכלית, אנשטאט זיצן מיט אלע חכמים און פלוידערן שטותים, כאפ איך אריין נאך א שיעור פונעם ראש ישיבה וואס וועקט מיך אויף צום אייבערשטן, וואס דערמאנט מיך איז איך בין איינער אליין אויף דער וועלט, איך האב נאר דעם אייבערשטן!

נישט דער רעכטער קען מיר העלפן, און נישט דער לינקער קען מיר העלפן, נאר דער אייבערשטער וואס האט מיר געהאלפן ביז אהער, ער וועט מיר ווייטער העלפן, ער וועט מיר נישט פארלאזן, און איך אים וועל נישט אפלאזן!

איך וועל בלעטערן נאך א דף אין ליקוטי מוהר"ן, נאך א דף אין עצתו אמונה, ווייל איך בין דער גליקליכסטער געוואונער אויף דער וועלט! איך האב א צדיק וואס דערמאנט מיר פון תכלית!

אפגעזען אויב איז יעצט די שטימונג אין גאס פרייליך, אדער אויב האלט מען שוין טיף אינמיטן דעם ציווילע קריג, איז ביי מיר אינדערהיים נאר דא שלום ושלוה, ביי אונז האט מען זיך ליב, און מ'רעדט נאר שיין איינער צום צווייטן, די קינדער וואקסן אויף געזונטע קינדער - א מחיה ס'איז אזוי געשמאק צו זיין א געווינער....

אדרבה טעמו וראו, פרובירט אויס צו פאלגן די עצות פון הייליגן רבי'ן, גיי נאך די וועג פון א צדיק, פאלג וואס דער ראש ישיבה זאגט אונז, וועסטו זען ווי זיס און געשמאק עס פילט זיך צו זיין א געווינער!

א מחי' אז מיר לעבן מיט אזעלכע זיסע עצות, מיר לעבן מיט תכלית, מיר האבן זיך נישט פון קיינעם צו שעמען, מיר זענען אלע אין היכל הקודש גליקליכע געווינערס וואס האבן א עכטע געווינס!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו**


פאר די
ברסלב'ע
שטוב
מעשיות
פון תפילה:
געטראפן א דירה
דורך תפילה
מחשבה:
רויטע טעיפ
פאר די
ברסלב'ע שטוב:
גיימיר אויף אפרוה
מאמי!
קוק אויף דעם
הערליכן בלעטל!

# מחשבה



## רויטע טעיפ!

e. טראכטער

איך האב לעצטנס געמאכט א גוט געשעפט, איינע פון די בעסטע געשעפטן אין מיין לעבן. איך בין געגאנגען איינקויפן אויף יום טוב און אינצווישן האב איך אויך געטראפן א ראל "רויטע טעיפ". איך האב דאס אריינגעלייגט אין מיין וועגעלע און באצאלט.

ווען איך האב אויסגעפאקט די ארדער שפעטער יענע טאג, האב איך געטראפן די רויטע טעיפ. איך האב דאס ארייגעלייגט אין טאש און געטראכט צו זיך "פארוואס האב איך דאס געקויפט? צו וואס דארף איך דאס?" איך האב אבער נישט געוואוסט אז ביז א קורצע צייט וועט אט די רויטע טעיפ ווערן מיין בעסטע חבר'טע...

געווען איז דאס אין א פאריאגטע נאכמיטאג נאך אן אנגעשטרענגטן אינדערפרי. די רוימערקע איז נישט אנגעקומען. (איך מיין אז זי האט געזאגט אז איר טאטע איז געשטארבן, אבער אויב איך געדענק גוט איז דאס די דריטע אדער פערטע מאל וואס דאס האט פאסירט...)

די בעיבי האט געוויינט, איך האב פארפאסט אן אפוינטמענט ביים דאקטער, און די גראסערי ארדער איז אנגעקומען גאר שפעט.

5:30... די קינדער זענען הונגעריג און מיד, די מאמע אויך. די מאמע איז אפגעשוואכט, אנגעצויגן און זייער מיד. חטאתי עויתי פשעתי... איך האב זיך פארלוירן און געשריגן. איך האב געהייסן אביסל צו שטרענג, דערעגירט, קריטיקירט און נישט אויסגעפירט די הערליכע זיסע עצות וואס מיר זענען זוכה צו הערן און טרינקן.

און דאן בערך 5:40 האב איך זיך דערמאנט אין די רויטע טעיפ וואס זיצט אין מיין טאש. געשווינד האב איך ארויסגעצויגן די טעיפ פון טאש, אראפגעציפט א שטיקל, עס אנגעקלעפט אויף'ן פלאר פארנט פון מיר, און אריבערגעטרעטן. "פון יעצט! פון יעצט הייב איך אן ווערן א גוטע, ווארימע, אידישע מאמע."

איי עס מאכט נישט קיין סענס, פון איין מינוט אויף'ן צווייטן, פלוצלינג גיי איך שמייכלען? א מינוט צוריק בין איך געווען ברוגז און אנגעצויגן, אט בין איך פריילין?

אמת, עס מאכט טאקע נישט סענס, אבער עס לייגט זיך וויניגער אויף'ן שכל פאר א אידישע הארציגע מאמע צו שרייען אויף אירע גרעסטע מתנות אין לעבן...

מיינט נישט אז די מעשה גייט "און פון דאן אן האב איך מער נישט געשריגן און זיך מער נישט גערעגט..." ניין איך וויל אייך נישט פארנארן. אין יענעם טאג האב איך עס גענוצט א שיינע פאר מאל. אפשר צען מאל מיט די קינדער, און עטליכע מאל מיט מיין מאן.

געווען אין דאס ווען מיין מאן איז אהיימגעקומען שפעטער ווי געווענליך, און פארשטייט זיך אז פונקט יענע טאג האב איך געוואלט ארויסגיין, און די קינדער האבן נישט קאאפארירט און... און... און...

און ווען מיין מאן איז אהיימגעקומען האב איך געגאסן די בארג מיט טענות און ווייטאג אויף זיינע אומבאהאלפעע פלייצעס... (איך פארצייל דאס נאר פאר אייך...) און דאן האב איך געגעבן א צו ארויס די טעיפ פון טאש, אראפגעלייגט נאך א שטיקל און איבערגעטרעטן. איך האב געגעבן א שוואכע שמייכל פאר מיין מאן (אפילו עס האט מיר ממש נישט געפאסט).

אפשר האט ער זיך געוואונדערט, און אפשר איז עס טאקע געווען מאדנע, אבער די אייז האט זיך צולאזט, און די הייליגע שכינה איז צוריקגעקומען אין אונזער שטוב.

עס איז טאקע מאדנע זיך צו טוישן פון איין רגע צום צווייטן, אבער עס איז מער מאדנע צו בלייבן מיט טענות און כעס, און מזלזל זיין

אין אלע מתנות וואס דער אייבערשטער געט אונז.

מיין רויטע טעיפ האט זיך שנעל אויסגענוצט, און איך האב געדארפט קויפן נייע. דאס האט מיר געמאכט קלערן אויב איך בין אזא דורכפאל, אז איך דארף מאכן פרישע התחלות אזויפיל מאל אין טאג.

אבער ניין, מיר ווייסן דאך אז דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט אז ער האט געמאכט טויזענט התחלות א טאג! איר ווייסט וואס דאס מיינט? כמעט יעדע מינוט. איר ווייסט וויפיל טעיפ דאס וואלט אויסגענוצט?

וויפיל מאל מען דארף זינגען צו זיך: "אוי, הייליגער באשעפער איך הייב אן פון יעצט?"

דער ראש ישיבה שליט"א האט אמאל געזאגט א ווערטל אז איינער האט אים פארגעהאלטן פארוואס ער רעדט אזויפיל פון "אנהייבן פון פריש..." מען דארף נישט אזויפיל אנהייבן, מען דארף זיך נעמען טון און פארטיג, ווערן גוט איינמאל פאר אלעמאל.

האט אים דער ראש ישיבה געזאגט, "איר זענט גערעכט. איך הייב אן פון יעצט צו זיין גוט, איינמאל פאר אלעמאל!!"

"אין ועתה, אלא לשון תשובה... די ווארט "ועתה" מיינט א לשון פון תשובה.

"ועתה" איז טייטש "פון יעצט." דאס איז תשובה. פון יעצט! איך הייב אן פון פריש, פון ניי.

איז וויאזוי טו איך תשובה? וויאזוי נוץ איך אויס די עת רצון? איך הייב אן פון יעצט. א פרישע טאג, א פרישע מינוט א פרישע שמייכל, א פרישע גוט ווארט.

און ווען דער מלך זקן וכסיל דער אלטער יצר הרע קומט צו אונז און זאגט מיר מיט שפאט, "האסט שוין טויזענט מאל געזאגט אז דו וועסט זיין א וואוילע ווייב... טאכטער... מאמע... נישט רעדן אויף א צווייטן... זיין בזריזות... נישט קוקן שמוץ... זאגן אביסל תהלים אנשטאט קוקן עבירות..." און אזוי ווייטער, זאג אים אויך: "און דו האסט מיר שוין אויך טויזענט מאל צוקלאפט און צובראכן" אבער מיר האבן דעם לימוד פון רבי'ן וואס דערמאנט אונז איינמאל און ווידעראמאל "קום צוריק, דו קענסט נאך זיין א צדיק... דיין נשמה קומט פון אויבן, דו ביסט דאך אזוי הייליג."

דער אייבערשטער איז כביכול א גוטע אינוועסטער. ער אינוועסטירט נאר דארט ווי מען קען זען רווחים. און אז איך בין היינט אויפגעשטאנען און געקענט זאגן "אלוקי נשמה שנתת בי", דו האסט מיר צוריקגעגעבן און געטרויעט מיט מיין נשמה, מוז זיין אז איך האב די יכולת אין מיר אנצוהייבן פון פריש, פון ניי און אויפטון גרויסע זאכן.

אוי, הייליגער באשעפער... איך הייב אן פון יעצט... איינמאל פאר אלעמאל!!

נ.ב. עס מוז נישט זיין רויטע טעיפ, עס קען זיין סיי וועלכע קאליר... און עס מוז נישט זיין טעיפ בכלל... עס מוז אבער יא זיין "פון יעצט!"

**אין זאך געדענק אז דער באשעפער איז אייביג גרייט פאר דיר, דו קענסט קומען צו אים אין אלע סארט מצבים. לאמיך איך דאס קלארער מסביר זיין:**

אין א גוטע מינוט
דאנק דעם באשעפער.

אין א שווערע מינוט
ווין צום באשעפער.

אין א דערהויבענע מינוט
בענק צום באשעפער.

אין א פארלוירענע מינוט
בעט דעם באשעפער.

אין א איינזאמע מינוט
שמועס מיט'ן באשעפער.

אין א פרייליכע מינוט
לויב דעם באשעפער.

אין א טרויעריגע מינוט
טייל עס מיט'ן באשעפער.

אין א דערשראקענע מינוט
האף צום באשעפער.

אין א צעמישטע מינוט
פארלאז זיך אויפ'ן באשעפער.

אין אן אומבאהאלפענע מינוט
קוק צום באשעפער.

אין א הצלחה'דיגע מינוט
געדענק דעם באשעפער.

און יעדע מינוט
טראכט פון באשעפער.


ONE DESTINATION
FOR EVERY DIRECTION
*sruliHeskel



וואו פארט מען?
Eli Knoll
845.444.TRVL
8785
TICKETS
TRIPS
TRAVEL ITINERARIES
VACATION PACKAGES
CAR RENTALS
HOTELS



# Carrot Muffins

BY: S. BAUM

## INGREDIENTS:

- 3 CARROT BABY JARS
- 2 T VANILLA SUGAR
- 1 CUP OIL
- 4 EGGS
- 2 CUPS SUGAR
- 2 CUPS FLOUR
- 1 TSP BAKING POWDER
- 1 TSP BAKING SODA
- 1/2 TSP SALT
- 2 TSP VANILLA EXTRACT
- 4 T ORANGE JUICE
- 1 TSP CINNAMON

## DIRECTIONS:

IN A MIXER MIX ALL INGREDIENTS.

FILL LINED MUFFIN PANS 3/4 FULL.

BAKE 350 25 MIN

NOTE: CAN ALSO MAKE IN A BUNT PAN. BAKE FOR 50-60 MIN.



ג. פעקעטע

## מאמי! קוק אויף דעם

# הערליכן בלעטל!

ה"יילי גער באשעפער העלף מיר איך זאל זיך נישט אויפרעגן ווען מיינע קינדער פאלגן נישט גלייך ווען איך זאג זיי עפעס צו טון. איך זאל געדענקען אז קינדער זענען קינדער, איך זאל זיי ליב האבן און איך זאל נישט ווערן פארלוירן און גערעגט אויב זיי פאלגן נישט".

די תפילה זאג איך צופרי, איך האב דאס אויסגעשניטן פון עצתו אמונה, און איך זע א גרויסע שינוי אין א טאג וואס די תפילה ווערט געזאגט.

איך האב זיך איינגעוואוינט דאס צו זאגן, ווייל איך האב געשפירט אז מיינע קינדער הערן נישט ווען איך רעד צו זיי, וויפל מאל איך רוף 'חיים קום אהער' 'מלכי קום אהער', 'שיינדי קום צו מאמי', 'יוסי מען גייט שוין שלאפן', 'חזקי קום אהיים', 'שיינדעלע מען דארף שוין עסן', האב איך באמערקט אז עס איז געווען *זירא ריספאנדס* - קיין שום ענטפער, איך האב עס נישט געקענט פארשטיין, עס איז זייער שווער צו זאגן פאר די קינדער וואס צו טון, איינמאל און נאכאמאל. אבער מיר האט מען אויסגעלערנט אז קינדער דארפן פאלגן, איך בין אויפגעוואקסען און איך האב געוואוסט פון די קאנצעפט אז דרך ארץ מיינט אז קינדער דארפן פאלגן עלטערן.

עס איז געווען איין נאכמיטאג, א שווערע נאכמיטאג, וויפיל מאל איך האב פרובירט מיט די קינדער, זאגן, רופן, הייסן, איז נישט געווען קיין שום צייכן אז זיי זאלן האבן געהערט וואס איך האב געזאגט. אדער אז זיי זאלן בכלל אנהייבן טראכטן פון פאלגן.

"א גוטן טאג!" האב איך באגריסט מיין זעקס יעריגער אינגל, "קום שיין זיך אפוואשן די הענט, מען גייט אין קאך עסן נאכטמאל". אבער דאס קינד איז געבליבן אינדרויסן פארשפילט מיט די בלעטלעך. איך פרוביר נאכאמאל "קום אריין שיין, מען

מעשה אויף למעשה

גייט שוין עסן נאכטמאל, קום וואש זיך אפ דיין הענט, און קום צום טיש".

עס איז געווען
נאך א לאנגע
טאג וואס
איך בין
געשטאנען
אין קאך, און

צוגעשטעלט
א נאכטמאל
וואס זאל זיין צו
גאט און צו לייט, עס
זאל געפעלן פאר מיינע
קינדער, זיין אויך עפעס
געזונט, און עס זאל זיין פאסיג
אויך פאר מיין מאן און פאר מיר. עס
איז געווען אזא סארט טאג וואס איך האב
אפגעמאכט אז מען גייט מאכן ארדענונג,
מען גייט מאכן סדר, מען גייט מאכן
*סטראקשער* אין די שטוב.

איך פרוביר נאכאמאל "קום שיין צדיק'ל, זייך אפ דיינע הענט און קום, איך ווארט דיר אין קאך מיט די בעסטע נאכטמאל". אבער ער האט געטראפן דארטן א בלעטל וואס האט אויף דעם אויסגעקריצט ליינ'ס, וואס זעט אויס ווי א בוים, עס איז אים געווען מורא'דיג אינטערעסאנט, האט ער זיך פארקוקט דערויף, און דורכגעגאנגען די ליינ'ס מיט זיין פינגער נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל.

איך האב באמערקט אז ער קוקט אויף דעם, בין איך צוגעקומען נאנט צו אים און געזאגט נאכאמאל: "איך האב געזאגט אז מען גייט שוין אריינגיין עסן, קום שעפעלע". ער געבט א קוק ארויף אויף מיר מיט גרויסע אויגן, און ער זאגט מיר: "מאמי, האסט געזען ווי אויף די בלעטל זעט אויס ווי איינער האט געמאלן א בוים, עס גייט אזוי די ליינ'ס ארויף און עס צווייגט זיך ארויס, עס איז אזוי אינטערעסאנט. איך געב א קוק און איך זאג אים: "יא, זייער אינטערעסאנט, אבער מאמי האט



דיר גערופן, נישט איין מאל, נישט צוויי מאל, נישט דריי מאל". ער קוקט אויף מיר מיט פארוואונדערטע אויגן:
"מאמי, דו זעסט נישט
וואס איך ווייז דיר,
קוק ווי שיין
די בלעטל
איז, מען
דארף עס

אויפהענגען
אין אונזער שטוב, עס
איז הערליך שיין, איך האב
ליב עס צו פילן מיט מיין הענט, עס פילט
זייער גוט".

איך טראכט צו זיך ווי אזוי קען זיין אז איך האב אים יעצט גערופן עטליכע מאל, און איך קום אים זאגן נאכאמאל 'קום מען דארף אריינגיין', איך קום נאנט צו אים, און ער הייבט נישט אן הערן וואס איך זאג אים, ער הייבט נישט אן פאלגן, ווייל ער האט נאכנישט געהערט.

איך זאג אים איבער: "צדיק'ל, מען גייט יעצט אריינגיין עסן". איך נעם זיין האנט אביסל שטארק, און איך הייב אים אן אריינפירן אין שטוב. ער געבט א שלעפ ארויס זיין הענט, און ער זאגט מיר: "מאמי, איך קען אליין אריינגיין, פארוואס זאגסטו מיר נישט אז איך זאל אריינקומען?"

יעצט האב איך שוין געקוקט מיט צוויי פארוואונדערטע אויגן: "פארוואס איך זאג דיר נישט אז דו זאלסט אריינקומען? איך האב דיר שוין געזאגט פינף מאל!" ער קוקט מיר אן און זאגט: "דו האסט מיר נאכנישט געהייסן אריינקומען".

עפעס האט זיך אנגעצונדן אין מיין מח, אין דעי נאכמיטאג און עס האט מיר זייער שטארק געקנאקט אין קאפ, עס האט זיך ארומגעדרייט ביי מיר אין מח, ווי אזוי קען זיין אז איך זאל רעדן צו מיין קינד איינמאל און נאכאמאל און נאכאמאל, און דער קינד טענה'ט אז איך האב בכלל נישט גערעדט צו אים. קען זיין אז עפעס פעלט פון זיין הערן? אפשר וועל איך רופן באלד דעם דאקטער *אויסטשעקן* אויב זיינע אויערן ארבעטן אים גוט. איך האב זיך אנגעהויבן אביסל זארגן, איך האב עס אראפגעשריבן אויף מיין טו דו ליסט, אויף די צעטל וואס איך דארף ערלעדיגן. איך האב געטראכט אז איך וועל עס שפעטער ביינאכט דורך שמועסן מיט מיין מאן.

אינצווישן זענען אהיימגעקומען די אנדערע קינדער, און מען האט זיך אנגעהויבן שפילן. די נאכטמאל איז ברוך השם אריבער, האלב אריין, האלב אויפן ערד, אבער ווען מען האט זיך געטראפן אויף די אנדערע זייט פון די נאכטמאל פרשה, בין איך געווען זייער צופרידן אז די קינדער גייען יעצט קענען אביסל שיין שפילן.

אינמיטן האב איך באמערקט ווי די בעיבי קריכט צו די טרעפ. "שיינדעלע - האב איך אויסגעשריגן - גיי נעם די בעיבי פון די טרעפ". שיינדעלע איז געווען פארטיפט אין א בוך. "שיינדעלע" זאג איך איבער מיט אביסל א העכערע קול "גיי נעם די בעיבי פון די טרעפ, איך וויל נישט ער זאל פאלן". מיין הענט זענען געווען פארשמירט מיט זייף פון וואשן די געשיר, איך האב נישט געקענט יענע סקונדע אים געבן א כאפ, אבער שיינדעלע איז געזעצן הארט נעבן די טרעפ, און איך זאג נאכאמאל מיט א שארפערע טאן: "שיינדעלע, מאמי האט געזאגט זאלסט שנעל נעמען די בעיבי פון די טרעפ! איך וויל נישט ער זאל פאלן". און עס איז געווען דאס וואס איך האב נישט געוואלט, די בעיבי האט זיך געגעבן א קוילער אראפ די טרעפ.

שכח אייבערשטער אז עס איז נאר

געווען פיר טרעפ, די וואונד איז נישט געווען אזוי שטארק. אבער איך האב געשפירט שטארק פארוואונדעט, איך בין געווען אזוי ברוגז אויף שיינדעלע, "דריי מאל זאג איך דיר, און איך רעד הויעך אז דו זאלסט קענען הערן, פארוואס האסטו נישט געקענט כאפן די בעיבי, ער זאל נישט גיין צו די טרעפ, א מאמע הייסט דארף מען פאלגן" זאג איך איר איבער. זי קוקט מיר אן מיט צוויי גרויסע פארוויינטע אויגן: "וואס בין איך שולדיג מאמי?" - פרעגט זי מיר - "וואס האט דאס צוטון מיט מיר?" יעצט זענען מיינע אויגן געווארן פארווייטאגט: "איך האב דיר דריי מאל געהייסן א זאך, און דו האסט נישט געפאלגט!" זאג איך איר שטילערהייט "א מאמע דארף מען פאלגן". זי האט פשוט געגעבן א שאקל מיטן אקסל, און אריין ביי זיך אין צימער בלאזן.

**ער געבעט א קוק ארויף אויף מיר מיט גרויסע אויגן, און ער זאגט מיר: "מאמי, האסט געזען ווי אויף די בלעטל זעט אויס ווי איינער האט געמאלן א בוים, עס גייט אזוי די ליינ'ס ארויף און עס צווייגט זיך ארויס, עס איז אזוי אינטערעסאנט."**

איך האב געשפירט אז עס איז אביסל צו פיל, נאך א קינד האב איך ביי מיר אין שטוב וואס קען נישט הערן, עס האט מיר זייער שטארק דערשראקן, אפשר איז דא עפעס א פראבלעם אין אונזער די.ען.עי.? איז דא עפעס א *דזשין* ביי אונז אין די משפחה אז די קינדער הערן נישט אזוי גוט?

איך האב זיך אראפגעזעצט און גענומען א עצתו אמונה, צו באקומען פרישע כוחות, זיך אביסל מחזק זיין מיט אמונה, און געדענקען אז יעדע זאך קומט פונעם אייבערשטן. איך מיש אויף א בריוו און אט זע איך די ווערטער "הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל זיך נישט אויפרעגן ווען מיינע קינדער פאלגן נישט גלייך ווען איך זאג זיי עפעס צו טון. איך זאל געדענקען אז קינדער זענען קינדער, איך זאל זיי ליב האבן, און איך זאל נישט ווערן פארלוירן און גערעגט אויב זיי פאלגן נישט". אהאאאההאאאא דאס איז עס! טראכט איך צו זיך, קינדער הערן נישט, נישט וועגן זיי האבן א פראבלעם מיט די אויערן, דער ראש ישיבה איז דאס זייער אסאך מאל מסביב ביי די שיעורים, קינדער הערן נישט ווייל זיי זענען פארשפילט, זיי זענען אין זייער אייגענע קליינע וועלטל, פון שפילצייג, פון דמיונות, און חלומות.

ווי גליקליך בין איך אז מיינע קינדער הערן נישט ווען איך רוף זיי, זיי זענען געזונטע קינדער, זיי זענען פארשפילט.

ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם, ער זאל נעמען זיין איינציג זון יצחק און אים גיין שחט'ן פאר א קרבן, האט ער זיך אויסגעדרוקט צו אברהם אזוי: "אברהם אברהם". און שפעטער ווען דער אייבערשטער האט גערעדט צו משה רבינו - ווען ער איז געגאנגען נאכלויפן זיין שעפעלע וואס איז אנטלאפן - האט דער אייבערשטער געזאגט "משה משה". אויך האט זיך דער אייבערשטער אויסגעדרוקט צו שמואל הנביא "שמואל שמואל".

די צדיקים לערנען אונז אויס, פארוואס פונקט דא שטייט צוויי מאל די נאמען? ווייל עס קומט אונז צו לאזן וויסן אז דאס איז א לשון חיבה, עס איז א וועג ווי מען רופט איינעם וואס מען האט זייער שטארק ליב.

"אברהם אברהם" האט דער אייבערשטער גערופן, ווען ער האט געוואלט פון אים די שווערסטע זאך. דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזן, די ליבשאפט איז דא, איך האב דיר זייער ליב, וועגן דעם וויל איך עפעס פון דיר.

די געדאנק קענען אונז אידישע מאמע'ס נעמען און טראכטן, ווען איך רוף מיין קינד איינמאל און דער קינד הערט נישט, אדער דער קינד פאלגט נישט, אדער דער קינד קומט נישט, אפשר האב איך יעצט נאך א געלעגנהייט, צו געבן אביסל מער ליבשאפט פאר מיינע קינדער, און ווארעמערהייט איבעררופן די נאמען, נישט זיך אויפרעגן, נאר נעמען די ראי' פונעם אייבערשטן און רופן איינמאל און נאכאמאל, רואיגערהייט. אזוי קענען אונז אויפבויען די ליבשאפט צו די קינדער. אנשטאט צו טראכטן 'פארוואס דארף איך רופן די קינדער הונדערט מאל? די קינד הערט נישט'. קען מען טראכטן 'אה! איך האב א געלעגנהייט צו געבן פאר מיין קינד נאכמער ליבשאפט'.

איך וועל איר זאגן איינמאל און נאכאמאל, איך וועל רופן, חזקי, מלכי, הינדי נאכאמאל און נאכאמאל, ביז זיי וועלן דערהערן וואס מיר האבן צו זאגן, ווייל עס קומט מיט ליבשאפט.

**אברהם אברהם ויאמר הננו!**



# מעשיות פון תפילה

**ח. שטיינבערג**
**קרית ברסלב**

די וואש מאשין פון מיין דירה אינטן אויפן ערשטן פלאר איז געווארן צובראכן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל ווערן פאררעכטן אן דארפן רופן איינעם צו פאררעכטן.

אויך האב איך צוגעזאגט א מעשה פון תפילה

מיין מאן האט פרובירט צו פאררעכטן די וואש מאשין און ברוך השם ער האט דאס געקענט פאררעכטן גרינגערהייט.

**מ. קורדובה**
**ביתר**

זינט די מלחמה האט זיך אנגעפאנגען דא אין ארץ ישראל, איז געווארן זייער שווער צו טרעפן דירות אין ביתר פאר אינגע קאפלס און בכלל טרעפן דירות.

מיר האבן געזוכט זייער זייער וויכטיג א דירה, אבער ס'איז נישט געווען צו טרעפן קיין נארמאלע דירה...

איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן טרעפן א פיינע גרויסע דירה און א גוטע געגנט.

שכח אייבערשטער נאך אסאך תפילות האבן מיר טאקע געטראפן א גוטע דירה.

**מ. ג.**
**לינדען**

1. איך בין געווען ביים דאקטער מיט א קינד, ווען מיטאמאל האט מיין בעיבי אנגעפאנגען צו קוויטשענען און וויינען וואס האט געמאכט אלע ארומיגע נערוועז. עס איז מיר געווארן זייער אומבאקוועם. איך האב געזוכט און געגישטערט איבעראל פאר די צומי, אבער איך האב עס נישט געקענט טרעפן.

מיט תפילה קענען די אויגן זען, און ווי ווינדערליך ס'הערט זיך האב איך גלייך אפירגעטראפן דעם קליינע פלעסטיק און מיט דעם בארואיגט די בעיבי! שכח אייבערשטער פאר תפילה.

2. ערב יום טוב סוכות האב איך באשטעלט א רוימערקע פאר אפאר שעה, זי איז אבער נישט אנגעקומען. שכח אייבערשטער אז עס האט מיך גענומען זייער שנעל אויפצורוימען אליין. חול המועד האב איך געבעטן מיין ליבער טאטע אין הימל, "איך וויל זייער האבן א רוימערקע פאר די צווייטע טעג יום טוב". איך בין געווען פארנומען אין שטוב ווען מיינע קינדער רופן מיר צו די טיר אז א נישט אידישע פרוי טראגט זיך אן צו ארבעטן, אויב איך זוך. שכח טאטע אין הימל!



845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com



פאר די

# ברסלב'ע שטוב

מ. פאפענהיים

גיימיר אויף

## אפרוה

אסרו חג, 11:00 אזייגער פארמיטאג. איך דריי זיך ארום אין הויז און איך אטעם טיף אריין די שטילקייט, שכח אייבערשטער אז ס'איז אריין אין אונז אזעלכע ליכטיגע פרייליכע ימים טובים, וועלכע איז אויך געווען טומל'דיג, און איבערגעקערט. יעצט נאך יום טוב ווען די קינדער זענען ארויס, און די בעיבי שלאפט, האב איך פשוט הנאה געהאט פון די שטילקייט, און זיך עס געלאזט שפירן מיט אלע חושים.

גאנץ שנעל האט מיין בעיבי געכאפט אז עפעס איז אנדערש ווי די לעצטע וואך, און זי האט זיך געלאזט הערן אויף די העכסטע טענער, עס קומט זיך מיר צו קענען אויספאקן אביסל די שאפעס אליין, אן קיין העלפער'ס, נישט אזוי? דער זייגער האט זיך מיטגעדרייט און... א גוטן טאג! די קינדער זענען דא!

אזוי זענען אריבערגעלאפן עטליכע טעג. איין א פארמיטאג האט זיך אריינגעכאפט א יאוש אין מיר, וואס גייט דא זיין? במשך דעם יום טוב, בין איך זיכער געווען אז באלד, באלד, נאך יום טוב, גיי איך האבן א-ס-א-ך צייט, און דא לויפט א טאג נאך א טאג און איך קום צו גארנישט אן, עס קומט א לאנגע ווינטער מען דארף ערלעדיגן טויזנט זאכן, און איך... שוין... אזוי זענען



מיינע מחשבות געפארן אהין און צוריק...

נאכמיטאג האבן מיינע קינדער געוואלט רעדן מיט באבי. זייער גוט! איך האב געדרוקט די באקאנטע נומערן און אין עטליכע סקונדעס האט מען געהערט אירווארעמע באקאנטע שטימע. נאכדעם וואס יעדער האט געענדיגט דערציילן זייערע וויכטיגע נייעס'לעך האב איך אויך באקומען די פאון, און געשמועסט עטליכע מינוט.

"וועלכע שמחות ווארט אונז אפ דעם ווינטער?" פרעג איך מיין באבע זאל זיין געזונט, וואס האט א עקסטערן הנאה פון די פילע שמחות בלע"ה.

"עס גייט זיין דריי בר מצווה'ס" ענטפערט זי מיר מיט א קלארקייט "פון פעטער ברוך'ס משה, און רבקי מיט חני' האבן ביידע א יענקי וואס האט בר מצווה, עס קען אויך מיטן אייבערשטנ'ס הילף ווערן עטליכע שידוכים..."

"יא,



יא, דער אייבערשטער זאל העלפן בקרוב ובנקל" - ווינטש איך צוריק - "אבער איין מינוט... שיינדי' האט יעצט נישט א כלה?"

"זיכער! שיינדי'ס רבקי איז א כלה, און זיי האבן טאקע גערעכנט שוין צו מאכן די חתונה חודש שבט, מערסטנ'ס אדר. אבער, זיי האבן געטראפן א באקוועמע טאג און א פאסיגע זאל, במילא האבן די מחותנים באשטימט די חתונה אויף סיון, נאך אביסעלע צייט."

"אזוי?" וואונדער איך זיך "פאר די חתן כלה שטערט עס נישט?"

איך הער מיין באבעס שמייכל דורך די דראטן "עס זעט מיר נישט אויס אז איינער האט דארט א פראבלעם מיט דעם, רבקי איז געווען דא חול המועד, און זי האט נאר גערעדט אז זי כאפט נאך אריין..."

"וואס למשל איז דא צו אריינכאפן?" וואונדער איך זיך.

"היינטיגע מיידלעך האבן גרויסע השגות" - זאגט מיר מיין באבע - "זי איז געפארן חול המועד א מעכטיגע טריפ. צווישן אלעס איז געווען א שרעקעדיגע אמעגא, א שטריק וואס איז אויסגעצויגן צווישן צוויי בערג איבער א טיפער טאל. נאך די חתונה גייט זי שוין נישט קענען גיין אויף אזא אמעגא..."

אהאאאאהא... "שוין, דער עיקר זאל עס זיין מיט מזל און ברכה" - פארענדיג איך דעם אומגעלונגענעם טעמע.

מיין באבע האט נאך צו דערציילן שיינע זאכן, און נאך עטליכע מינוט ענדיגט זיך א פיינע שמועס.

די ווערטער האמערן מיר אין קאפ, זי כאפט אריין... זי כאפט אריין צו גיין אויף א אמעגא... נאך די חתונה קען מען שוין נישט גיין אויף א אמעגא...

איך טראכט דווקא, אז אויב א ווייבעלע דארף גאר וויכטיג זיך אויסלופטערן מיט אן אמעגא, קען זי טרעפן פאסיגע צייטן צו גיין אויף דעם, אבער ווער בין איך צו זאגן? עכט איז רבקי בכלל נישט שולדיג, איינער האט איר געגעבן צו הערן די שיינקייט פון א אידישע חתונה געהאטע לעבן? אויב זי זעט נאר וואס מען טאר נישט טון, וואס עפעס זאל זי בכלל וועלן חתונה האבן?

וויפל מינוט איז א אמעגא? פינף מינוט? צען מינוט? און וויפל גוטע מינוטן האבן א מאן און ווייב ווען מען לעבט א תורה'דיגע לעבן פון זיך מכבד זיין, שעצן, מוותר זיין און נאכגעבן? וויפיל מאל קען מען גיין אויף א אמעגא? און וויפיל מאל קען מען פארברענגען געשמאק ביי א נאכטמאל אדער א שנעלע שפאציר?

אבער... אבער דאך, די קינדער קומען אונטער איינע נאך די אנדער ברוך השם... און דו טרעפסט זיך אן קיין צייט צו אטעמען... צו שלאפן אדער עסן... אמאל האסטו כאטש חול המועד זיך אויסגעלופטערט, היינט איז חול המועד שווערער ווי א גאנץ יאר...

עס איז אמת, און איך גיי עס נישט אוועקמאכן, אבער... איך דארף אריינכאפן!!! עס גייט אמאל קומען א צייט, דער אייבערשטער זאל העלפן נאר געזונטערהייט, און איך גיי שוין נישט האבן קיין קליינע קינדער... ווי שטארק איך וועל דעמאלט וועלן, וויפיל געלט איך וועל זיין גרייט צו צאלן, קען מען נישט צוריקדרייען דעם זייגער, מיינע יעצטיגע בעיבי'ס גייען ווערן גרויס, מיינע 'גרויסע' גייען ווערן 'ריזיג' און איך וועל זיך נאר בענקען... איך וועל זיך אויסשלאפן און אפעסן צו דער זעט... און זיך בענקען... צו די זיסע פיצי בעיבי'... צו די צוקערדיגע וועש... יעצט איז עס א בארג, נאך עטליכע יאר גיי איך נאר זען די זיסקייט אין דעם... איז לאמיר שוין יעצט אריינכאפן!!!

מען דארף טיילן נאכטמאל, און זיך אוועקזעצן אנפיטערן מיט געדולד די קליינע קינדער? לאמיר אריינכאפן! אט אט ווערן זיי גרויס און גייען אליין עסן, נישט נאר עסן, נאר אויך אנגרייטן און עס סערווירן.

איך שפיר אז איך פארליר די געדולד ווייל איך דארף נאכדעם וואשן א בארג דישעס? אפשר לוינט מיר צו ניצן איימאליגע געשיר? אזוי וועל איך זיין רואיגער און קענען בעסער אריינכאפן צו הנאה האבן פון יעדע לעפל וואס מיין זיסע בעיבי לעקט אפ אזוי זיס!

מען דארף גיין באדן די זיסע קינדער און זיי לייגן שלאפן? א מחי'! איך גיי אריינכאפן צו אנפילן ווארעמע וואנע'ס און שמעקעדיגע זייף און זיי נאכדעם אנטון פרישע וועש, קום אריינכאפן זיי צו אויסלערנען 'שמע ישראל' צו שלאפן און אויפשטיין ווי אן ערליכער איד.

ענדליך איז שטיל, יעצט זע איך די בערג וועש פון אלע זייטן, איין מינוט פארן פארפאקן קען איך אריינכאפן צו אויסציען א אמעגא צווישן די שמוץ-וועש און ריינע וועש און זיך געבן א גוטע גליטש...

שוין, איך דארף אריינכאפן אלעס אויסציוואשן און צאמלייגן... ביי... ביי... כאפט'ס אויך אריין!




# אין ברסלב ברענט א פייער

ציינד עס אן אין מיין הארץ!



# יאקאב!

**"לויף... לויף.... לויף... אנטלויף..."**

דאס איז די איינע זאץ וואס האט געקלינגען אין אויער פון הבחור יעקב פאטאש, אלט זייענדיג קוים 13 יאר אלט יענע נאכט.

יעקב איז געלאפן מיט כוחות וואס ער האט נישט געוואוסט אז ער פארמאגט. א תפילה איז אים כסדר געלעגן אויף די ליפן, "היט מיר באשעפער. היט מיר באשעפער." און פונקט ווי אונזער זיידע יעקב האט מתפלל געווען בשעת'ן אנטלויפן פון זיין ברודער עשו, האט אויך יעקב אצינד געבעטן דעם אייבערשטן געווען בשעת ער איז אויך אנטלויפן פון עשו, פונעם דייטש ימח שמו, "אשא עיני אל ההרים, מאין יבא עזרי, עזרי מאם ה' עושה שמים וארץ..." פון וואו וועט קומען מיין הילף? מיין הילף וועט קומען פון באשעפער וואס האט באשאפן די הימל און ערד."

וואו זענען מיר? וואס פאסירט דא? לאמיר צוריקמישן די בלעטער פון היסטאריע און מיטלעבן א קאפיטל פון מסירת נפש און אידישע שטאלץ. א געשיכטע פון "אין שום יואש" פון נישט אויפגעבן און ווייטער אנגיין צו דינען דעם אייבערשטן. א מעשה פון א יונגע העלד וואס האט זיך געהאלטן תורה טריי אין די שווערסטע אומשטענדן, זייענדיג איינער אליינס אין א וויסטע לאנד, אן קיין שום מענטש אין דער זייט וואס זאל אים זאגן "ברודער, שטארק זיך!" און דאך האט ער זיך געהאלטן פעסט מיט זיין אמונה און איז געבליבן אן ערליכער איד, א דאנק די אמונה וואס איז געווען טיף ארייגעווארצלט אין אים פון קינדווייז אן.

אין א שטעטל וואס הייסט ראדזימין נישט ווייט פוןווארשע, האט געוואוינט א איד מיט'ן נאמען ר' העניך פאטיש ז"ל, ר' העניך איז געווען א ווארקער חסיד און האט אויפגעצויגן א משפחה פון צען קינדער. ר' העניך איז אויך געווען באקאנט אלס אן איש חסד, ער האט אסאך געטון חסד מיט די ארומיגע. און חוץ זיינע אייגענע צען קינדער האט ער אויך אריינגענומען צו זיך אין שטוב פיר יתומים און זיי אויפגעצויגן ווי זיינע אייגענע קינדער.

יעקב, א באַ'חנ'ט און זיס קינד איז געווען איינע פון די צען פאטאש קינדער. יעקב איז אויפגעוואקסן א פרייליך און זארגלאז קינד. ער פלעגט צוהעלפן זיין טאטן מיט זיין מעשים טובים, און אויך ער האט געהאט א ברייט הארץ, און אפילו אלס אינגל געטון חסד מיט וועמען ער האט נאר געקענט.

נישט איינמאל האט יעקב אוועקגעגעבן זיין בעט און זיין שטיקל עסן פאר אן אורח וואס האט נישט געהאט ווי צו שלאפן אדער וואס צו עסן.

ווען יעקב איז אונטערגעוואקסן און געווארן צוועלף יאר אלט, האט זיין טאטע זייער געוואלט ער זאל לערנען אין א ישיבה. אין יענע תקופה איז נישט געווען קיין ישיבה אין יעדע שטאט, נאר אין די גרויסע



ש. טראכטער

# 1

שטעט.

דעריבער אויב א בחור האט געוואלט לערנען תורה, האט ער זיך געדארפט געזעגענען פון זיין ווארימע היים און גיין וואנדערן. דאס לעבן אין יענע יארן איז נישט געווען אויסגעשטעלט מיט די באקוועמליכקייטן פון היינט. עס איז נישט געווען אזעלכע באקוועמע הייזער און בעטן, עס זענען נישט געווען קיין גראסעריס און עסן געשעפטן ווי מען האט געקענט איינגיין זיך דערכאפן דאס הארץ. אויך זענען נישט געווען קיין טעלעפאן'ס מיט וועלכע מען קען האלטן קשר מיט די משפחה פונדערווייטנס.

די אמאליגע לעבן איז געווען אין רוב דערפלעך זייער ארעם. רוב מענטשן האבן נישט געהאט קיין איבעריגע פלאץ איינצונעמען בחורים, און אויך עסן איז נישט געווען צופיל צו טיילן.

דאס הייסט אז ווען א בחור האט גענומען די וואנדער שטעקן און איז ארויס לערנען תורה, האט דאס געמיינט "מסירת נפש". עס האט געמיינט אויפגעבן א ווארימע היים מיט א ווארימע בעט, ווארימע עסן און פרישע קליידער כסדר.

עס האט אויך געמיינט אז ער וועט פאר לאנגע חדשים נישט זען און נישט הערן פון זיין באליבטע משפחה.

דאך האט דער בחור יעקב פאטאש איינאיינעם מיט זיין טאטע באשלאסן אז עס איז אלעס כדאי, אבי יעקב זאל זוכה זיין צו לערנען די הייליגע תורה.

> **"לויף... לויף.... לויף... אנטלויף"; דאס איז די איינע זאץ וואס האט געקלינגען אין אויער פון יעקב פאטאש, אלט זייענדיג קוים 13 יאר אלט יענע נאכט.**

וואס יעקב האט נישט געוואוסט אין יענע צייט איז געווען אז אט די רייזע וועט אים נעמען איבער שטעט און מדבריות, פעלדער און וועלדער, טעג און יארן, וואנדערניש און שרעק, נסיונות און נצחון פון די ווייטע אייראפע ביז די ברעגעס פונעם ווייטן אמעריקא.

די עלטערן האבן דאן באשלאסן אז יעקב זאל פארן קיין בארנאוויטש צו די בארימטע ישיבה פון הגאון רבי אלחנן וואסערמאן זצ"ל הי"ד. עס איז אויך געווען א פראקטישע באשלוס, ווייל אין בארנאוויטש האט געוואוינט זיין שוועסטער, און די פלאן איז געווען אז יעקב וועט דארט קענען איינשטיין, ממילא וועט עס מאכן גרינגער דאס איינגלידערן זיך. יעקב איז דאן געווען נאך אונטער די בר מצוה.

עס איז נישט גרינג געווען זיך צו געזעגענען פון טאטע, מאמע, און פון זיינע טייערע געשוויסטער, אבער יעקב האט אלעס איבערגעלאזט און זיך אויפגעהויבן אין דעם יונגן עלטער פון צוועלף יאר, און איז געפארן קיין בארנאוויטש לערנען תורה.

אין בארנאוויטש איז אויך געווען די גרויסע ישיבה "תורת חסד" פון דער הייליגער רבי פון סלאנים רבי שלמה דוד יהושע זי"ע הי"ד. אנדערש ווי זיין אריגינעלער פלאן איז יעקב געגאנגען לערנען אין די ישיבה פון סלאנים.

אביסל שפעטער האט יעקב איבערגעלאזט בארנאוויטש וואו זיין שוועסטער האט געוואוינט, און איז געפארן לערנען צו די שטאט סטאלין צו די ישיבה פון רבי משה'לע סטאלין זי"ע הי"ד. עס איז אים נישט אנגעקומען גרינג זיך אויפצוהייבן א צווייטע מאל, אבער יעקב האט געשפירט אז דארט וועט ער האבן מער א תכלית אין לערנען.

טראץ זיין יונגע עלטער, האט זיך יעקב איינגעווארפן אין לערנען, און ביז א קורצע צייט איז ער געווען פון די גרעסטע תלמידי חכמים אין ישיבה.

דריי חדשים האט יעקב געלערנט אין שטאט סטאלין, אויב וואלט עס געווען אין זיינע הענט, וואלט ער דארט געבליבן פאר לאנגע יארן.

אבער פון הימל האט מען אנדערש געוואלט...

*פארזעצונג קומט אי"ה*

# מַעֲשֶׂה׳לעך פַאר קִינְדֶערלעך

## אַ גֶעפִיל אִין רֶבִּי׳ן

וֶוער עֶס קֶען דֶעם נִיגוּן זָאל מִיט זִינְגֶען: "אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, צִינְד עֶס אָן אִין מַיין הַארְץ" 2 X

וֶוער הָאט גֶעמַאכְט דֶעם לִיד?

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן דֶעם עֶרְשְׁטְן שַׁבָּת, פַּרְשַׁת נִצָּבִים שְׁנַת תקס"ב, הָאט עֶר גֶעגֶעסְן בַּיים רֶבִּי׳ן דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדָה, עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי זְמִירוֹת וִוי דֶער רֶבִּי זִינְגְט מִיט אַזַא זִיסְקֵייט, דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ אִים גֶעעֶפְנְט אַ נֵייעֶ וֶועלְט, עֶר הָאט גֶעזֶען אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט אוֹיךְ פָאלְגְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, בִּפְרַט דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט עֶר אוֹיךְ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזֶען פַאר זִיךְ אַ נֵייעֶם שַׁיין, אַ נֵייעֶם לִיכְטִיגְקֵייט.

נָאךְ דִי סְעוּדָה, וֶוען אַלֶע גֶעסְט זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ 'וִוי קֶען אִיךְ יֶעצְט גֵיין שְׁלָאפְן?' עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ מוּז יֶעצְט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גֶעפִיל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן אִין רֶבִּי׳ן'.

אוֹיפְ׳ן וֶועג אַהֵיים פוּן רֶבִּינְ׳ס שְׁטוּבּ, הָאט עֶר גֶעזֶען דֶעם בּוּג, בּוּג אִיז אַ נָאמֶען פוּן אַ טַייךְ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער דֶעם שְׁטֶעטְל בְּרֶסְלֶב; רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט בַּיים טַייךְ בּוּג אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען: "אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, צִינְד עֶס אָן אִין מַיין הַארְץ, אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, צִינְד עֶס אָן אִין מַיין הַארְץ", אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען אַ גַאנְץ פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לָאמִיר אִים בֶּעטְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּם רֶבִּי׳ן, לָאמִיר בֶּעטְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, מִיר זָאלְן טוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ אִין אוּנְזֶער שְׁפְּרַאךְ, אִים בֶּעטְן מִיר זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען: "אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, צִינְד עֶס אָן אִין מַיין הַארְץ", הֶעכֶער! "אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, צִינְד עֶס אָן אִין מַיין הַארְץ"..




צִינְד עֶס אָן אִין מַיין הַארְץ

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון ר' נתן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי' האט געזאגט: "די וועלט וועט זיך וואונדערן אויף די גרויסע לישאפט וואס הערשט צווישן אייך!"

## ברסלב'ע חידות

**חז"ל זאגן: ווער עס איז מקנא א צווייטן**

א. ווערן זיינע ביינער שטארק
ב. זאל זאגן תהלים
ג. באקומט אלעס וואס ער איז מקנא
ד. ווערן זיינע ביינער פארפוילט

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

מוהרא"ש האט איינגעפירט מען זאל זאגן תיקון הכללי יעדן טאג נאכן דאווענען שחרית

## געב א שמייכל

**איך האב געהאט זעקס פיש, דריי זענען אריינגעפאלן אין וואסער, וויפיל זענען איבערגעבליבן?**

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**כו. מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה, בְּיָדוּעַ שֶׁמְּזַלְזֵל בְּדִבְרֵי תוֹרָה.**

אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה, וֵוייסְט מֶען אַז עֶר אִיז מְזַלְזֵל אִין דִי תּוֹרָה, עֶר הַאלְט נִישְׁט חָשׁוּב דִבְרֵי תּוֹרָה.



# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**טרעף די וועג ארום צו פליען מיט דיין בייק!** (נאר ווען די מאמע לאזט...)





## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ד | א | ט | מ | כ | פ | מ | א | ב | ע | ר |
| ד | צ | ו | כ | י | ר | ה | ע | ל | פ | נ |
| ז | א | כ | י | ז | א | י | נ | נ | ג | ע |
| ב | ג | ד | ז | ב | ד | ו | נ | י | ד | ג |
| ל | ע | ו | א | ג | ס | ע | י | י | א | נ |
| י | ב | מ | ל | ע | ק | ז | ח | ס | ר | ע |
| י | נ | ה | ט | נ | נ | ס | י | ע | פ | ר |
| ב | י | ר | ע | ע | ע | ו | י | י | ת | ב |
| נ | ב | ד | מ | ש | פ | י | ל | נ | ט | ר |
| ח | ע | נ | ע | מ | ז | מ | א | מ | ע | א |
| ג | א | י | ז | ש | פ | י | ל | נ | מ | פ |
| נ | ע | ו | נ | ו | א | ר | מ | ט | י | ע |
| א | ז | ז | נ | ב | ק | ע | א | ס | ט | נ |
| י | ש | ט | ו | ב | נ | ק | י | ד | ע | ז |
| נ | כ | ט | א | נ | ע | ט | י | מ | ב | ע |
| ס | ש | א | מ | י | ט | ק | ס | ע | ל | א |
| ב | ל | י | י | ב | נ | ל | י | י | ג | נ |

מען דארף טאקע שפילן און מען דארף פ;ארברענגען מיט חבר'טעס, עס איז זייער געזונט זיך אויס צו געבן מיט שפילן וכדומה, אבער מען דארף געדענקען אז אויב די מאמע בעט מען זאל בלייבן אין שטוב העלפן דארף מען אלעס לייגן אין די זייט און בלייבן אין שטוב

*(עצתו אמונה לב לב תשע"ט)*

# קינדער דערציילן

## מעשיות פון תפלה

שיקט אריין אייער מעשה פון תפלה צו:
845.379.1161

מיינע אויערינגלעך האט אנגעהויבן מאכן א rash אין מיין אויער.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן נייע אויערינגלעך.

שכח אייבערשטער איך האב באקומען נייע גוטע אויערינגלעך.

*רבקה וועבערמאן, קרית ברסלב*

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן א וועג צו חדר, נאכדעם וואס איך האב שוין נישט געהאט קיין קיין וועג מיט די באס,

שכח אייבערשטער איך האב געטראפן א וועג.

*שמעון אינדארסקי, קרית ברסלב*

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האב דאס יאר א גוטע רבי.

שכח אייבערשטער איך האב באקומען די בעסטע רבי.

*נתנאל היילפרין 8 אהאלב יאר, קרית ברסלב*

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מיין זיידע און באבע זאל קומען צו אונזער הויז באזוכן שכח אייבערשטער איין טאג זענען זיי געקומען צו אונז באזוכן.

*שמחה עליזה מזרחי, קרית ברסלב*

1. מיר זענען געפארן די גאנצע משפחה צו קרית טאהש. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן פארן מיט א גוטע געשמאקע קאר, שכח אייבערשטער מיר האבן געהאט גאר א פיינעם קאר.

2.מיין ברודער האט אריינגעווארפן א שטיין אין וואסער. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל טאנצן אין וואסער זעקס מאל, שכח אייבערשטער ס'האט געטאנצן זיבן מאל.

3. שכח אייבערשטער איך האב באקומען א נייע זייגער, נאך א שטיק צייט האב איך עס פארלוירן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן, שכח אייבערשטער איך האב עס געטראפן.

*אברהם יצחק פוקס, קרית ברסלב*

**שיקט אריין די ענטפערס פון די ברסלב'ע חידות, א שיחה אין א בילד, א מעשה פון תפילה, א מעשה פון תפילה געמאלן.**

**און גייט אריין נאכאמאל אינעם גורל פארן קומענדיגן חודש.**

צו הערן די גורל פון פארגאנגענעם זונטאג
רופט קול ברסלב 212-444-9191 #5 #6

# געמאלן

## א מעשה פון תפלה

מַאמִי! סְ'טוּט מִיר שְׁרֶעקְלִיך וֵוויי דִי הַאנְט




אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף אָדִי זָאל זַיין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק



שְׁכּ֗ח אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי הַאנְט אִיז נִישְׁט צוּבְּרָאכְן




געמאלן דורך: אדל קלענג תמי' צפת

אִיךְ ווִיל שׁוֹין מוּפְן צוּ אַ נֵייעֶ הוֹיז



אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר זָאלְן שׁוֹין מוּפְן



שְׁכּ֗ח אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר הָאבְּן גֶעמוּפְט



געמאלן דורך: חמי' ווערטהיימער תמי' קרית ברסלב


שיקט אריין אייער מאלעריי צו:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# מִשְׁפַּחַת גְּלִיק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

פאריגֶע וָואךְ הָאט מֶען פַּארְצֵיילְט פוּן דִי לְחַיִּים פוּן פֶּעטֶער בָּרוּךְ. אִיךְ הָאבּ בַּאשְׁלָאסְן אַז דָאסְמָאל וֶועל אִיךְ מְוַותֵּר זַיין, אִיךְ וֶועל בְּלַייבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אֲפִילוּ אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיטְהַאלְטְן דִי וָוארְט. נָאךְ אַלֶעס, אִיז מֶענְדִי אַזוֹי נָאנְט אוּן בַּאלִיבְּט מִיט פֶּעטֶער בָּרוּךְ, זָאל עֶר מִיטְהַאלְטְן זַיין שִׂמְחָה.

יֶעצְט לֵיינְט וַוייטֶער: אִיךְ הָאבּ צוּגֶעוַוארְט בִּיז מַיין מַאמֶע לֵייגְט אַרָאפּ דִי פָּאוֹן אוּן אִיר גֶעוָואלְט מִיטְטֵיילְן מִיט מַיין בַּאשְׁלוּס אוּן אִיר פְרֶעגְן אוֹיבּ זִי עֶרְלוֹיבְּט עֶס.

מַיין מַאמֶע הָאט אָבֶער גְלַייךְ נָאכְן שְׁמוּעֶסְן, מִיר צוּגֶעאַיילְט אוֹיסְרוּפְנְדִיג: יָאג זִיךְ צוּ, וַוייל עֶס הָאט גֶעפְּלַאצְט אַ רֶער (פֵּייפּ) בַּיי בַּאבִּי'ס הוֹיז אוּן מֶען גֵייט מַאכְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף דִי וָוארְט בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים. רוֹים שְׁנֶעל אוֹיף אוּן גְרֵייט צוּ אַ שֵׁיינֶע טִישׁ וַוייל זֵיי קוּמֶען שׁוֹין בִּיז 2 שָׁעָה!

אִיךְ הָאבּ זִיךְ פְלַייסִיג אוּן לוּסְטִיג גֶענוּמֶען צוּ דִי אַרְבֶּעט שְׁפִּירְנְדִיג דִי גוּטֶע וואוּנְדֶערְבַּארֶע טַעַם פוּן מְוַותֵּר זַיין, אַוֶועקְגֶעבְּן פוּן דִי אֵייגֶענֶע וִוילְן פַאר אַ צְוֵוייטְן, אֲפִילוּ צוּם סוֹף הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט דִי פְּלֶענֶער, הָאבּ אִיךְ אַיינְגֶעזֶען, אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ אֵייבִּיג צוּ מְוַותֵּר זַיין, נִישְׁט נָאר וַוייל פוּן אַ מִצְוָה דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט, נָאר דִי זִיסֶע טַעַם אַלֵיין אִיז שׁוֹין וֶוערְד.

דֶער חָתָן בָּרוּךְ אוּן בַּאבִּי - זֵיידִי פְּרִיעֶד זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע, זֵייעֶרֶע גֶעזִיכְטֶער הָאבְּן גֶעשַׁיינְט. אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעקוּקְט מַיין בַּאלִיבְּטֶער פֶּעטֶער בָּרוּךְ מִיט שֶׁעצְנְדֶע בְּלִיקְן.

בָּרוּךְ אִיז שׁוֹין אַ חָתָן! אִיךְ הָאבּ אִים גֶעוָואלְט אָנְכַאפְּן דִי הֶענְט אוּן אַרוֹיסְגֵיין אִין אַ טֶענְצְל פוּן אִיבֶּערַאשׁוּנְג. אַן אֵיידֶעלֶע קְלַאפּ הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אוֹיפְן טִיר, מַיין טַאטֶע אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען עֶפֶענֶען, אוּן אִיךְ בִּין אִים שְׁטִילֶערְהֵייט נָאכְגֶעגַאנְגֶען מִיט נֵייגֶער. עֶס אִיז דִי מְחוּתָּנִים! אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶערוּקְט אִין זַייט אוּן צוּגֶעקוּקְט מִיט אִינְטֶערֶעס צוּ דִי אִיבֶּערַאשְׁנְדֶע סְצֶענֶע.

צוּבִּיסְלֶעךְ זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען נָאךְ מֶענְטְשְׁן, חֲבֵרִים, שְׁכֵנִים, פֶּעטֶעְרְ'ס אוּן קָאזִינְ'ס.

אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן פַארְנוּמֶען צוּ הֶעלְפְן מַיין מַאמֶע אַרַיינְטְרָאגְן קֶעיק אוּן הֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען דַארְף.

מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ לְחַיִּים אוּן מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן "תְּנָאִים שְׁרַייבְּן". אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען אִין גֶעקוּקְט מִיט עֶרְוַוארְטוּנְג, וָואס גֵייט יֶעצְט זַיין, וַוייל אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מִיטְגֶעהַאלְטְן אַ תְּנָאִים.

אַ קְלַאפּ אִין רוּקְן הָאט מִיר אַוֶועקְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן מַיינֶע גֶעדַאנְקֶען, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעזֶען מַיין זֵיידֶע: "מֶענְדִי, לוֹיף שְׁנֶעל אוּן בְּרֶענְג אַ פֶּענֶע" - הָאט עֶר גֶעשׁוּשְׁקֶעט אָנְגֶעצוֹיגְן - "וַוייל מֶען דַארְף שׁוֹין חַתְמֶ'ענֶען אוֹיף דִי שְׁטַר תְּנָאִים".

אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעלָאפְן אִין מַיין צִימֶער, בְּרֶענְגֶען אַ פֶּענֶע, וֶוען אִיךְ טְרֶעף אַ "סוּרְפְּרֵייז" אוֹיף מַיין בֶּעט - מַיינֶע צְוֵויי קָאזִינְ'ס מְנַחֵם אוּן אֶפְרַיִם פִּישְׁל, זִיצְן אוֹיף מַיין בֶּעט מִיט צוּזַאמְגֶעלֵייגְטֶע פִּיס אוּן עֶסְן קֶעיק, דִי בְּרֶעקֶעלֶעךְ אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי שְׁמוּץ פוּן זֵייעֶרֶע שִׂיךְ צוּשְׁפְּרֵייטְן זִיךְ אוֹיף מַיין בֶּעט!

אִיךְ הָאבּ גֶעפִילְט וִוי אִיךְ וִויל קְוִויטְשֶׁען: "אַייךְ וֵוייסְן נִישְׁט אַז מַיין בֶּעט רִירְט מֶען נִישְׁט אָן! אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן אוֹיף אַ בֶּעט וָואס אֵיינֶער הָאט גֶעטְרָאטְן אוֹיף דֶעם! אִיךְ הֵייס מֶענְדִי גְלִיק, אוּן מֶענְדִי גְלִיק אִיז אַזַא סָארְט אִינְגְל, וָואס אִיז סֶענְסֶעטִיוְו צוּ דִי זַאכְן!"

דִי אַלֶע וֶוערְטֶער הָאבְּן זִיךְ שִׁיעוּר אַרוֹיסְגֶעגְלִיטְשְׁט פוּן מַיין

**ל. סאקס**

מוֹיל, אָבֶער אִיךְ הָאבּ עֶס שְׁנֶעל צוּגֶעמַאכְט אוּן שְׁטַארְק פַּארְבִּיסְן מַיינֶע לִיפְּן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁנֶעל דֶערְמַאנְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס אוּן וָואס מֶען זֶעט אִיז נָאר אַ פַּארְשְׁטֶעלֶעכְץ פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁט מְנַחֵם אוּן אֶפְרַיִם פִישְׁל, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט שְׁמוּץ, עֶס אִיז בְּלוֹיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר יֶעצְט גֶעוָואלְט אוֹיסְפְּרוּבִּירְן, עֶר הָאט גֶעוָואלְט זֶען אוֹיבּ אִיךְ גֵיי וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט, אָדֶער אִיךְ גֵיי גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס אִיז עֶר!

מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת הָאבּ אִיךְ זִיךְ בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעלָאפְּן בְּרֶענְגֶען דִי פֶּענֶע.

מֶען הָאט עֶפֶּעס גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דִי שְׁטַר תְּנָאִים, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזֶען פּוּנְקְטְלִיךְ, דֶערְנָאךְ הָאט מֶען גֶעבְּרָאכְן טֶעלֶער אוּן אַלֶע הָאבְּן אוֹיסְגֶערוּפְן "מַזָל טוֹב" אָפְּס! מַזָל טוֹב! אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעזָאגְט מַזָל טוֹב!

אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַּארְשֶׁעמְט פוּן מִיר אַלֵיין: "וָואסְפַּארַא סָארְט אִינְגְל בִּין אִיךְ, אִיךְ פַּארְגֶעס צוּ זָאגְן מַזָל טוֹב, דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ!" אָבֶער אִיךְ הָאבּ זִיךְ וִוידֶער דֶערְמַאנְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעמַאכְט אוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר אַ מֶענְטְשׁ.

*קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועל אִיךְ אֵייךְ דֶערְצֵיילְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וִויאַזוֹי ס'הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט.*



# קליין און פיין



שמעון לאנדא




די עלטערע קלאס פון בית פייגא טבריה



פייגי, אסתי און אדי פינטער



אליעזר שלמה און חיים בוים

# 20 דער אוצר אויפן באן

דאס לעבן און שאפן פון מוהרא"ש זי"ע

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר:
מוֹהֲרָא"שׁ אַלְס
אִינְגֶערְמַאן נָאךְ דִי
חֲתוּנָה בֶּעט דֶעם
אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַ
לֵיידִיגֶע בֵּית הַמֶּדְרָשׁ
עֶר זָאל קֶענֶען צָאלְן
רֶענְט



*Deadline to advertise Sunday 12:00 PM*

# קלאסיפיידס

מזל טוב!

מיט גרויס פֿרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פֿאר

**מרדכי אינדיג הי״ו**
**וזוגתו מלכה תחי׳**
**צו די שידוך שליסן פֿון א טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפֿן זיי זאלן זען אסאך נחת פֿון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פֿרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פֿאר

**מו״ה דוד יודא אײדליס הי״ו**
**וזוגתו לאה מרים תחי׳**
**צו די שידוך שליסן פֿון א זון למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפֿן זיי זאלן זען אסאך נחת פֿון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פֿרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פֿאר

**מו״ה יקותיאל פֿעלדמאן הי״ו**
**וזוגתו מרים תחי׳**
**צו די געבורט פֿון א טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפֿן זיי זאלן זען אסאך נחת פֿון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.









For all your software-related needs - set up, automate, maximize.

Contact Moishy Ekstein 845-428-2782

**Babysitting**
Steady Babysitting.
Drop off.
Overnight.
S. rabinowitz
**347-885-4205**

בס"ד

פונעם שרייבן דעם קוויטל (הושענה רבה) ביזן ארויסשיקן דעם קוויטל (זאת חנוכה) איז אלעם באצאלט!

### זכות כתה

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף |
| מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו |
| $5000 | $5000 | $5000 | $5000 | $5000 |

$15,000.00

### זכות כתה

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף |
| מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו |
| $5000 | $5000 | $5000 | $5000 | $5000 |

$15,000.00

### זכות כתה

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף |
| מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו |
| $5000 | $5000 | $5000 | $5000 | $5000 |

$15,000.00

### זכות כתה

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף |
| מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו |
| $5000 | $5000 | $5000 | $5000 | $5000 |

$15,000.00

### זכות כתה

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף |
| מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו |
| $5000 | $5000 | $5000 | $5000 | $5000 |

$15,000.00

### זכות כתה

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף |
| מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו |
| $5000 | $5000 | $5000 | $5000 | $5000 |

$15,000.00

### זכות כתה

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף |
| מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו |
| $5000 | $5000 | $5000 | $5000 | $5000 |

$15,000.00

### זכות כתה

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף |
| מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו |
| $5000 | $5000 | $5000 | $5000 | $5000 |

$15,000.00

### זכות כתה

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף |
| מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו |
| $5000 | $5000 | $5000 | $5000 | $5000 |

$15,000.00

### זכות כתה

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף |
| מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו |
| $5000 | $5000 | $5000 | $5000 | $5000 |

$15,000.00

### זכות כתה

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף |
| מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו |
| $5000 | $5000 | $5000 | $5000 | $5000 |

$15,000.00

### זכות כתה

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף | זכות שותף |
| מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו | מו"ה שם הנדבן הי"ו |
| $5000 | $5000 | $5000 | $5000 | $5000 |

$15,000.00

### היכל ישיבה קטנה

## מו"ה מרדכי לייב טירנויער הי"ו

## $18,000

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש
אלקא דמאיר ענני

יעצט קענט איר האבן דעם
געלעגנהייט פון זיך איינהאנדלען אן
אוצר ביי רבי מאיר - איר קענט יעצט
נעמען די זכות פון א כתה וואס וועט
זיין פאר אייערע נאמען און זכות!
מער פרטים וועלן נאכפאלגן
בעזהשי"ת.

זיך אונטערצונעמען
א כתה און צו הערן
מער פרטים רופט היינט
דעם גבאי:

**347.466.2410**

*sruliHeskel

# געשעניש

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**לימוד התורה אין די פארטאגס שעה'ן אין ביהמ"ד אויף האשקי אין שטעטל**





קרעדיט: נפתלי זאבעל, לייבי ראטה, אייזיק ראטה, אברהם אייזנער

בס"ד

פונעם שרייבן דעם קוויטל (הושענה רבה) ביזן ארויסשיקן דעם קוויטל (זאת חנוכה) איז אלעס באצאלט!

# מתן שכרו!

## תורה ותפילה ביי רבי מאיר



יעדן טאג איידער די קינדער הייבן אן לערנען וועלן זיי דערמאנענען אייער נאמען מיט אלע נעמען פון אייערע משפחה אז אלע תורה און תפילה פון די תינוקות של בית רבן זאל זיין פאר אייערע זכות!

## ישועות ביי רבי מאיר



יעדער ערב שבת קודש וועט א פערזענלעכע שליח פון קופת היכל הקודש רבי מאיר בעל הנס גיין צו קבר רבי מאיר און צינדן א שמן זית לעכט און זאגן שיר השירים פאר אייער זכות!

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש
אלקא דמאיר ענני

יעצט קענט איר האבן דעם געלעגנהייט פון זיך איינהאנדלען אן אוצר ביי רבי מאיר - איר קענט יעצט נעמען די זכות פון א כתה וואס וועט זיין פאר אייערע נאמען און זכות! מער פרטים וועלן נאכפאלגן בעזהשי"ת.

זיך אונטערצונעמען א כתה און צו הערן מער פרטים רופט היינט דעם גבאי:

347.466.2410

*sruliHeskel





**א בליק אריין אין כולל היכל הקודש קרית ברסלב**






**חדר פירן אין תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק און האלאקע ביי הרב רבי יצחק לעסער שליט"א אין יבנאל פון הילד בן מו"ה יואל שעכטער הי"ו - ג' לך לך תשפ"ה**



**מען לייגט ארויף אותיות ביים קרן הדפסה אין שטעטל ביים שער נתנדב לע"נ מוהרא"ש זצוק"ל**



**די בחורים טאנצן אין ישיבה נאך מעריב**





**הרה"ג ר' שמשון ראאב שליט"א ביים רעדן צו די בחורים אין ישיבה - ה' לך לך תשפ"ה**

קרעדיט: נפתלי זאבעל, שמעון פיש, שלמה האממער, איציק מענדלאוויטש, לייבי ראטה, אייזיק ראטה, אברהם אייזנער